NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01297

FAR KINDER-OPERETES

Permanent preservation of this book was made possible
by Allan L. Apter
in memory of
Abe & Minnie Gordon Apter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

פיר

קינדער־אָפּערעטעס

מוזיק פון מ. געלבאַרט

ווילנע
פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך"
1933

פ י ר

קינדער־אָפּערעטעס

מוזיק פון מ. געלבאַרט

1. די סוחרים פון פעפער – יאָסל קאָטלער.
2. ראָבין הוד – יידיש – י. י. שוואַרץ.
3. פרילינג־גאַנג – נתן ראָזאָווסקי.
4. די פאַרשטערטע חתונה – י. קיפּניס.

ווילנע
פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך“
1933

Printed in Poland.

Cztery operetki

DLA DZIECI

Opracowanie muzykalne **M. Gelbarta**

Drukarnia „Express“ Wilno, Wielka 33

אַ פּאָר ווערטער.

פאַר די לעצטע 14 יאָר בין איך פאַרבונדן מיט דער יידיש-וועלטלעכער שול-באַוועגונג אין אַמעריקע אַלס געזאַנג-לערער. די גאַנצע צײַט האָב איך געפּרוווט אַוועקשטעלן געזאַנג אַלס אַ גלײַכבאַרעכטיקטן לימוד אין אונדזערע שולן, און איך גלויב, אַז אין אַ גרויסער מאָס איז עס מיר געלונגען.

די מוזיק, וואָס איך האָב געשאַפן צו די אַלע לידער און שפּילן פאַר אונדזער יונגוואַרג, איז אַ רעזולטאַט פון 14 יאָר לעבן טאָג-אײַן און טאָג-אויס מיט די קינדער. שטיפנדיק און שפּילנדיק מיט זיי האָב איך אַרויסגעזונגען זייערע לידער, זייערע טענער און גלייכצײַטיק אַנטוויקלט אין זיי אַ ליבע צום געזונגענעם יידישן קינדער-ליד. און מיט צופרידנקײַט קען איך זאָגן, אַז טויזנטער יידישע קינדער אין דעם אַמעריקאַנער שמעלץ-טאָפּ זינגען מיט ליבע דאָס יידישע ליד.

די פיר קינדער-אָפּערעטעס, וואָס גייען אַרײַן אין דעם ביכל, זײַנען בלויז עטלעכע פון אַ סאַך קינדער-אָפּערעטעס, וואָס זײַנען דערפאָלגרײַך דורכגעפירט געוואָרן מיט אונדזערע קינדער און געפינען זיך אין מײַן רשות.

דער טעקסט איז צוגעפּאַסט און איז אין הסכם מיטן גײַסט פון אונדזערע שולן. די מוזיק איז איבערנעמבאַר, לײַכט און בעט זיך צו זינגען. עס איז בלויז אַ שאָד, וואָס דער דוחק אין געלט, און במילא אין פּלאַץ, דערלויבט ניט צו געבן דעם פּיאַנאָ-אַקאָמפּאַנימענט, און מיר מוזן זיך באַנוגענען מיט דער בלויזער מעלאָדיע.

די אָפּערעטעס זײַנען מער צוגעפּאַסט פאַר גרעסערע שול-יום-טובים.

איך בעט אַנטשולדיקונג ביי די דיכטער פון די אָפּערעטעס פאַר געוויסע ענדערונגען, וואָס זײַנען געמאַכט געוואָרן דאָ און דאָרט אין טעקסט. גלײַכצײַטיק דריק איך זיי אויס אַ האַרציקן דאַנק פאַר געבן מיר אַ מעגלעכקײַט צו שאַפן מוזיק צו זייערע טעקסטן. דאָס געפיל, אַז אונדזערע קינדער וועלן זיך קוויקן און אַז מיר טראָגן צו נאָך אַ ציגל צו אונדזער שול-בנין — וועט אונדזער לוין זײַן.

מיכל געלבאַרט.

די סוחרים פון פעפער

קינדערשפיל אין איין אַקט.

(פאַר קליינטשינקע).

טעקסט פון יאָסל קאָטלער.

מוזיק פון מיכל געלבאַרט.

אַנטיילנעמער:

בער	קליינע בערעלעך
בעריכע	צוויי יידעלעך

די בינע:

אַ וואַלד. אין דער זייט זעט זיך אַ נאָרע. ביי דער נאָרע ליגט די בעריכע און וואַרעמט זיך אויף דער זון. אירע בערעלעך ראַנגלען זיך, און יעדעס מאָל, וואָס זיי גיבן אַ שפּרונג אונטער, מאַכן זיי: הוץ, הוץ, הוץ!

די מוזיק הייבט אָן שפּילן דעם טאַנץ (נומ׳ 1) בעתן שפּילן דאָס ערשטע מאָל הערן זיי זיך צו און ריידן, ביים צווייטן מאָל שפּילן-טאַנצן זיי. איידער זיי הייבן אָן טאַנצן, פאַרלייגן זיי די לאַפּקעלעך אויף די זייטן, דרייען מיט די עקלעך און הייבן שווער די פיסלעך-בעריש שווער.



טאַנץ נומ׳ 1.



נומ׳ 2.

ערשט בערעלע:

וואָס איז דאָס?

צווייט בערעלע:

דאַכט זיך, אַז מע שפּילט.

דריט בערעלע:

דאַרף מען דאָך טאַנצן.

אַלע:

טאַנצן, טאַנצן!

(גלײַך נאָכן טאַנץ זינגען זיי — נומער 2)

בערעלעך:

מיר זײַנען בערעלעך אַקטיאָרן,
מיט טאַלאַנט דערצו געבאָרן.
מיר זינגען לידער פון שענסטן סאָרט,
מיר שווערן אײַך בײַ אונדזער וואָרט.

מיר מאַכן פריילעך יעדן איינעם,
סײַ דעם רײַכן, סײַ דעם געמיינעם,
מיר מאַכן קונצן פון בעסטן סאָרט.
מיר שווערן אײַך בײַ אונדזער וואָרט.

(נאָכן זינגען טאַנצן זיי ווידער דעם טאַנץ 1)

בערעלעך: (דעקלאַמירן צוזאַמען).

מיינט נישט, מענטשן, אַז בערעלעך
זײַנען שלעכטע קערעלעך.
קינדער האָבן מיר זייער ליב
אַרויסצושלעפּן פון שטיב
און זיי אָפּקאָכן אין טאָפּ.
און מאַכן סעודות — כלאָפּ! כלאָפּ!
מיר עסן בײַנדעלעך
פון חנה-שיינדעלעך,
מיר עסן יאַנקעלעך פון בעסטן סאָרט,
מיר שווערן אײַך בײַ אונדזער וואָרט.

(די בערעלעך לויפן צו דער בעריכעאון וואַרפן זיך אין אירע אָרעמס. די בעריכע גלעט זיי).

ערשט בערעלע: (וויינט).

הי—הי—הא——!

בעריכע:

וואָס איז, בערעלע? וואָס איז, צוציקל?

ערשט בערעלע:

איך וויל אַ ביסל וויינען, הי—הי—האָאָ!

צווייט בערעלע: (וויינט אויך).

אַ—אַ—הוטש!.. אַ—אַ—הוטש!..

בעריכע:

שטיל, קינדערלעך, כ'על אײַך זינגען
אַ שלאָף-לידעלע, וועט איר שלאָפן.

(בעריכע זינגט, און די בערעלעך וויינען שטיל צום טאַקט. — נומער 3.



נומ׳ 3.

בעריכע:

אי, ליו, ליו, ליו, בערעלעך,
דער טאַטע וועט ברענגען שמערעלעך,
דער טאַטע וועט ברענגען שײַקעלעך,
ווע́לן מיר קאָכן יאַיכעלעך.

ווע́לן מיר אַלע טאַנצן גיין.
און ס׳וועט זײַן שוין איינמאָל שיין.
ווע́לן מיר אַלע לוסטיק זײַן,
ווע́לן מיר אַלע פריילעך זײַן.

(די בערעלעך צעלאַכן זיך פּלוצים פון פרייד).

ערשט בערעלע:

כ׳וויל אַ ציינדל פון אַ חַוָה־שיינדל!

צווייט בערעלע:

כ׳וויל אַ שטיקל שמערל מיט אַ ביינדל!

דריט בערעלע:

מאַמע, כ׳וויל אַ פיסל פון אַ משֶה־ניסל!

פערט בערעלע:

מאַמע, כ׳וויל יאַנקעלען מיט פּערעלען,
מיט שיינדעלען, מיט שמערעלען!
כ׳וויל אַ שטיקל זלאַטקע,
מיט יויך, מיט צימעס, מיט אַ לאַטקע!

בעריכע:

וואַרט, קינדערלעך! דער טאַטע — דער
גרויסער שטאַרקער בער, וועט קומען,
וועט ער ברענגען אַ סאַך קינדערלעך
צום עסן!

(ס׳הערט זיך פון ווײַטן אַ בורטשען: „הו־הו־בו!“ די בערעלעך צעטאַנצן זיך פון פרייד און זינגען — נומער 4)

בערעלעך־כאָר:

דער טאַטע, דער גרויסער בער,
דער טאַטע ז׳באַלאָדן שווער —
מיט יאַנקעלעך־קאַפּײַנקעלעך,
מיט שיינדעלעך־קאַפּיינדעלעך,
מיט שמערעלעך, מיט פּערעלעך,
מיט יאָסעלעך־קאַפּאָסעלעך.

(דער בער קומט אָן ברומענדיק: בו־הו, בו־הו, טשו־הו! וואַרפט אַראָפּ ליידיקע זעק).

בעריכע:

וואָס איז, גרויסער שטאַרקער בעו׳?

בער:

שלעכטע צײַטן! אַ גאַנצן טאָג · האָב איך
אַרומגעזוכט שלעכטע קינדער:
קינדער, וואָס ווילן ניט פאָלגן,
קינדער, וואָס ווילן ניט עסן,
קינדער, וואָס ווילן ניט לערנען,
קינדער, וואָס וויינען אומזיסט,
און ווי אויף צו לְהַכעיס — נישטאָ.
צו מײַן שלימַזל זײַנען אַלע קינדער
גוטע. און זאָג דו אַליין: ווי אַזוי
קען מען נעמען גוטע קינדער
אַהערצו צו אונדז? ס׳וועט דאָך
זײַן אַ רַחמָנות אויף זיי, אַ רַחמָנות!

בעריכע:

ס׳איז דאָך אָבער אויף אונדזערע
בערעלעך אויך אַ רַחמָנות!



נומ׳ 4.

בער:
זאָלן זיי עסן פּיקסעלעך, העזעלעך
און ניס!
בערעלעך: (וויינענדיק)
מיר ווילן קינדערלעך מיט באָרשטש!
בעריכע:
וואָס מיינסטו, בער, ס'ווערט דאָך
נימאָס אַלע טאָג די אייגענע מאכלים:
זונטיק — פּיקסל,
מאָנטיק — הערשל,
דינסטיק — העזל,
מיטוואָך — וועלפל,
דאָנערשטיק — עקסל,
פרײַטיק — טכוירל —
ס'א וויסטער גורל.
בער: (זינגט און שפּאַנט צום טאַקט נ׳ 5)

קינדער, וואָס שפּילן זיך
שיין און שטיל.
בו, בו, בו, בו,
בי, בי, בי, בי,
לאַפּצוצו, לאַפּצוצו, לאַפּצוצו!
(די לעצטע 3 שורות בו, בו, אאַז״ו ברומט דער בער ווילד, אָן באַשטימטע טענער, בעת די מוזיק שפּילט איבער דאָס גאַנצע לידל).

בערעלעך: (וויינען)
עסן, עסן, עסן!
בעריכע:
נו, מילאָ! וואָס זאָל מען טאָן. אז ס'איז מער נישטאָ קיין שלעכטע קינדער!
וועלן מיר שוין מוזן עסן פּיקסלעך און רינדער.



נומ׳ 5.

איך בין א בער,
איך ברענג מיר אהער
קינדער, וואָס ווילן ניט פאָלגן.
איך בין א בער,
איך ברענג מיר אהער,
קינדער, וואָס ווילן ניט עסן.
איך בין א בער,
וואָס ברענגט נישט אהער
קינדער, וואָס עסן און פאָלגן.

בערעלעך:
מיר ווילן רייזעלעך מיט באָרשטש!
מיר ווילן זלאַטקעס מיט לאַטקעס!
בעריכע:
נו, קומט אין נאָרע אַרײַן, וועלן מיר שוין עפּעס אויפזוכן.
(זיי גייען אין נאָרע. די קינדער וויינען: „עסן, עסן!" אַלע פאַרשווינדן. עס קומען אָן צוויי יידעלעך מיט צוויי פעקלעך אויף די פּלייצעס).

ערשט יידעלע:

לאָמיר אַראָפּוואַרפן די פּעקלעך און זיך שטעלן דאַווענען.

צווייט יידעלע:

לאָמיר.

ערשט יידעלע:

לאָמיר, לאָמיר!

צווייט יידעלע:

לאָמיר, נו...

(לייגן אַוועק די פּעקלעך)

ערשט יידעלע:

ווייסטו וואָס?

צווייט יידעלע:

וואָס, וואָס?

ערשט יידעלע:

לאָמיר ביידע פריילעך זיין.

צווייט יידעלע:

לאָמיר, נו?..

יידעלעך: (ווענדן זיך צו דער מוזיק.)

נו, קלעזמער, שפּילט אונטער א טראַ-פּעלע, וועלן מיר טאַנצן און זינגען.

(מוזיק שפּילט נומער 6.)

די יידעלעך זינגען: נומער 7).

מיר זיינען סוחרים
פון שוואַרצן פעפער,
מיר זיינען יידעלעך,
א דאַנק דעם באַשעפער!

ערשט יידעלע:

מיר שאָקלען די ביימער,
עס פאַלן די פעפער.
מיר האָבן פּרנסה,
א דאַנק דעם באַשעפער.

ביידע:

מיר זיינען סוחרים אאז"וו.

צווייט יידעלע:

מיר וואוינען אָן דאָרטן,
אַהיים איז צו ווייט.
מינחה צו דאַווענען
איז איצטער די צייט.

ביידע:

מיר זיינען סוחרים אאז"וו.

די יידעלעך טאַנצן דעם פריערדיקן טאַנץ — (נומער 6).

זיי גאַרטלען זיך אָן. רייבן האַנט אין האַנט, הייבן אָן שפּאַנען דער אהין און יענער אַהער מורמלענדיק, ווי זיי וואָלטן געדאַווענט. שטעלן זיך שמונה עשרה. שאָקלען זיך ווי ליאַלקעס.

* * *

דער בער קריכט אַרויס פון דער נאָרע; נאָך אים — די בעריכע מיט די קינדערלעך. דער בער גיט אַ צייכן זיין מישפּחה צו זיין שטיל און וואַרטן. ער אַליין זעצט זיך אויך אַוועק לעבן די יידעלעך וואַרטן, ביז זיי וועלן אויסגיין שמונה עשרה. — די יידעלעך דערזעען דעם בער, גיבן אַ שפּרונג, דאַווענען העכער און שאָקלען זיך שטאַרקער. די בערעלעך ווערן אומרויק און בורטשען: „עסן, עסן".



נומ׳ 6.



נומ׳ 7.

בער:

נו, יידעלעך, מאַכט עס גיכער, ס׳געז־
זינטל וואָרט!

(די יידעלעך הייבן אָן דאַווענען מיט מער אימפעט, כּדי צו ווייזן דעם בער, אַז מע טאָר ניט איבערשלאָגן אין מיטן דאַווענען).

בעריכע:

נו, גיכער, גיכער! די בערעלעך ווילן עסן!

בער: (צו דער בעריכע)

האָפּ! האָפּ! ברענג דעם גרויסן טאָפּ!
און זאָלן די קלעזמער שפּילן אויף די
פידעלעך. מיר וועלן נעמען אָפּקאָכן
די יידעלעך!

(די בעריכע איילט אין נאָרע. די בערעלעך קלייבן ריטלעך, די בעריכע ברענגט דעם טאָפּ, און די בערעלעך לייגן אונטער האָלץ.)

בער:

נו, יידעלעך,
ס׳זיינען שוין גרייט די פידעלעך,
קריכט אַריין אין טאָפּ אויף גיך,
מיר וועלן אייך אָפּקאָכן אַפילו מיט
די שיך.
פעפערדיק זייט איר דאָך זיכער,
טאָ מאַכט עס, יידעלעך, גיכער.

(די יידעלעך דאַווענען מיט מער שרעק. דער בער ווערט אין כּעס, גיט זיי ביידן אַ כאַפּ פאַר די קעלנער און שטעלט זיי אַריין אין טאָפּ)

יידעלעך: (וויינענדיק)

בער, בער, קאָך אונדז ניט!
בער, בער, עס אונדז ניט!
בער, בער, לאָז אונדז אָפּ אהיים!

בער:

ברענג פייער, בעריכע!

יידעלעך: (דערשראָקן און בעטנדיק ווענדן זיי זיך צו די קלעזמער. זינגען — נ׳ 8)

מענטשעלעך גוטע,
מענטשעלעך ווילע,
מיר זיינען פון איין פלייש און בלוט.
ראַטעוועט גיכער,
גיכער פון וויכער,
זייט צו אונדז גוט, צו אונדז גוט!

אַ קלעזמער:

ס׳הארץ טוט אונדז וויי.
וואָס קענען מיר העלפן,
אַז ס׳שפּיל קומט אַזוי.
דער שרייבער פון שטיק,
נאָר ער קען אייך רעטן,
פּרוּווט נאָר ביי אים זיך צו בעטן.

יידעלעך:

שרייבערל, שרייבערל,
דו האָסט אונדז אויסגעטראַכט.
איצט זיינען מיר
ביי דיר אין דער מאַכט.
ניט לאָז אונדז אומקומען

אין וואַלד בײַ די בערן.
זאָג זיי, זײַ מוחל,
זיי זאָלן ניט ווערן.

שרײַבער:

מײַנע ליבע יידעלעך,
איר מוזט מיך פאַרשטיין —
ווען איך זאָך אײַך באַפרײַען,
קען דאָס שטיק ניט גיין.
אַז אַ שרײַבער שרײַבט
אַ שטיק פאַר קינדער,
מוז ער דאָך פאַרשטעלן
גרויסע וווּנדער.
אַזוי מוזט איר ליידן,
יידעלעך מײַנע,
איר קענט גאָר צו מיר
נישט האָבן קיין טענה.

יידעלעך:

געוואַלד, וואָס טוט מען?
ווּ לויפט מען אוועק
פון בערישע מײַלער?
עס איז דאָך אַ שרעק!

ערשט יידעלע:

מיר זײַנען דאָך יידעלעך,
קלוג און שיין;
אויב זיי וועלן אונדז ניט ראַטעווען —
וועלן מיר זיך ראַטעווען אַליין.

צווייט יידעלע:

אויב זיי וועלן אונדז ניט ראַטעווען,
וועלן מיר זיך ראַטעווען אַליין.

ערשט יידעלע:

נאָך איין מיטל דאַרף מען פּרובירן:
אפשר וועט דאָס פּובליקום אונדז העלפן?

ביידע:

פּובליקום, פּובליקום, טוט אונדז אַ טובֿה,
לייזט אונדז אויס פון די בערן די ווילדע!
איר זײַט דאָך מענטשן מיט איידעלע
הערצער
און געפילן האָט איר דאָך מילדע.

פון פּובליקום:

יידעלעך, יידעלעך, מאַכט זיך ניט נאַריש,
בילעטן קאָסטן אונדז גע־ע—עלט.
אײַערע צרות פאַרשאַפן אונדז נחת,
אַבי דאָס שפּיל געפע—ע—ע—לט.

די גאַנצע צײַט פון געזאַנג און דעקלאַמאַציע שטייט דער בער און האַלט די יידעלעך פאַר די קעלנער. ווען זיי ענדיקן, קומט די בעריכע מיט אַ גרויסער פעפערניצע און באַפעפערט די יידעלעך.

בער:

וואָס טוסטו, נאַרישער קאָפּ? זיי זײַנען דאָך יידעלעך פעפערדיקע. און אויב דו וועסט זיי נאָך צופעפערן, וועלן מיר דאָך זיי אין מויל ניט קענען נעמען. בעסער צינד אונטער ס'האָלץ, וועלן מיר זיי אָפּקאָכן, עסן וועטשערע און גיין שלאָפן. שוין שפּעט.

די בעריכע רײַבט אָן אַ שוועבעלע, וויל אינטערצינדן. בויגט זיך אײַן אַ יידעלע און פאַרלעשט דאָס פײַער. אַזוי עטלעכע מאָל. די בערן וווּנדערן זיך.

יידעלעך:

בער, בער קאָך אונדז ניט!
מיר זײַנען צוויי סוחרים
פון שוואַרצן פעפער,
מיר האַנדלען בשותּפות,
אַ דאַנק דעם באַשעפער.
מיר זײַנען דאָך ביטער
מיט ביינדעלעך — שיטער,
מיר זײַנען ווי סם,
פון ביטערן טעם.
פון שוואַרצן פעפער —
אַ דאַנק דעם באַשעפער.

בער:

בעריכע, גיב נאָר אַ לעק און זע,


And.

צי די יידעלעך זײַנען טאַקע ביטער.
און גיב נאָר אַ ביס
און זאָג אויף געוויס,
צי זייערע ביינדעלעך
זײַנען טאַקע ווי סם פון ביטערן טַעַם.

ב ע ר י כ ע:

טו דו אַ לעק!
צו וואָס זאָל איך זיך אײַנשטעלן
ס'לעבן סתּם? טאָמער זײַנען זיי
טאַקע אַזוי ביטער ווי סם?

ב ע ר: (צו איין יידעלע)

גיב דו אים אַ לעק
און זאָג מיר, צי ער איז ביטער.

י י ד ע ל ע: (טוט אַ לעק, פאַרקרימט זיך)

נאָך ביטערער ווי סם!..

ב ע ר:

בעריכע, דו הערסט? נאָך ביטערער
ווי סם.

(צום צווייטן יידעלע)

איצט גיב דו אים אַ לעק און זאָג מיר,
צי ער איז ביטער.

צ ו ו י י ט י י ד ע ל ע: (טוט אַ לעק)

אוי, אוי, אוי! נאָך ביטערער ווי דאָס,
וואָס איז ביטערער ווי סם.
ביטערער קען שוין אויף דער וועלט
ניט זײַן.
אויב דו ווילסט ניט גלויבן,

(בויגט אָן דעם קאָפּ צום בער)

גיב אַליין אַ לעק, וועסטו שוין וויסן,
וואָס הייסט יידעלעך פון פעפער.

ע ר ש ט י י ד ע ל ע:

אַ דאַנק דעם באַשעפער!..

דער בער רוקט זיך הינטערווײַלעכס אָפּ. די יידעלעך שפּרינגען אַרויס פון טאָפּ, רוקן די קעפּ צו די בערן. די בערן רוקן זיך אַרויס. די יידעלעך—נאָך זיי, ביז די בערן פאַרשווינדן, און די יידעלעך שײַנענדיקע קערן זיך צום פראָנט בינע און זינגען:

י י ד ע ל ע ך:

מיר זײַנען סוחרים
פון שוואַרצן פעפער.
דאָס שפּיל איז געענד'קט.
אַ דאַנק דעם באַשעפער.
מיר זײַנען די יידן
פון פעפער=סחורה,
בערן פון וואַלד
האָבן פאַר אונדז מורא.
מיר זײַנען סוחרים אאַז"וו.
עס דאַרף אונדז ניט העלפן
קיינער אַצינד.
מיר גייען אַהיים
צו ווײַב און צו קינד.
מיר זײַנען סוחרים אאַז"וו.

טאַנץ. דאָס לעצטע געזאַנג און טאַנץ. דאָס אייגענע, ווי ווען די יידעלעך קומען אַרײַן.

פ אָ ר ה אַ נ ג.



נ. ב. ניט אַלע לידער פון די יידעלעך, שרײַבער, קלעזמער און פובליקום מוזן געזונגען ווערן. אויב די ראַליסטן זײַנען ניט קיין זינגער, קענען די לידער דעקלאַמירט ווערן.

ראָבין הוד.

קינדערשפּיל אין 4 אַקטן.

ייִדיש — י. י. שוואַרץ.

מוזיק — מיכל געלבאַרט.

אַנטײלנעמער:

קעניג	קצב	מאַריאַן און זײַן פרוי	
שעריף	בעקער	טאַק	ראָבין הודס מענטשן.
שעריפס ווײַב	באָבע גודי	אַלאַן	
בישאָף	פעגי	ליטל דזשאָן	
פּאַזש	טים	וויל	
סוחר	ראָבין הוד	מאַטש	

קינדער, סאָלדאַטן און שעריפס מענטשן.

פּראָלאָג.

די מוזיק שפּילט „דאָס בלעכער-ליד“ (נומ׳ 10). בשעתן שפּילן מאַרשירן אַרײַן די שפּילער, לוסטיקע. די וואַלד-לײַט — רעכטס; די שטאָט-לײַט מיטן בישאָף בראש — לינקס, אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרײַז. דאַן קומט דער שעריף; באַגלייט פון זײַנע מענטשן, בלײַבט ער שטיין אין מיטן פון האַלבן קרײַז. אַלע זינגען ס׳ערשטע ליד (נומ׳ 9) און יעדער, וואָס דאַרף נאָכדעם זינגען, טרעט פאָרויס.



נומ׳ 10.



גרמי

כאָר:

מענטשן, הערט אונדזער שפּיל דאָ אויס.
כאָטש די מעשׂה איז אַן אַלטע.
בלײַבט זי נײַ ביזל הײַנט צו טאָג,
ווי אין יענע טעג די אַלטע.
רײַך און אָרעם, שטאַרק און שוואַך —
איז אַן אַלטע זאַך.
רײַך און אָרעם, שטאַרק און שוואַך —
איז אַן אַלטע זאַך.

ראָבין הוד:

איך קום פון די וועלדער,
וווּ גרין איז און גוט;
באַקאַנט אונטערן נאָמען —
ראָבין הוד.

מאַריאַן:

און איך בין מאַריאַן,
וואָס ליב אים געטרײַ.

פריילעכע יונגען:

(אָנשטעלנדיק פײַל און בויגן)

און מיר זײַנען פריילעך
און מונטער און פרײַ!
און מיר זײַנען פריילעך
און מונטער און פרײַ!

גודי:

איך בין גודי. לעב אין וואַלד
זיך גאָר אַליין.
און דאָס זײַנען מײַנע קינדער
אַזוי יונג און שיין.

בישאָף:

און איך—דער בישאָף,
דער דינער פון גאָט.

קינדער:

און מיר זײַנען קינדער
פון נאָטינגהעם שטאָט.
און מיר זײַנען קינדער
פון נאָטינגהעם שטאָט.

סוחר: (טראָגנדיק אַ שווערן פּאַק)

איך בין דער סוחר,
ווער פעט און מאַך געלט.
פאַרקויפנדיק סאַמעט
און שפּיצן דער וועלט.

ווײַב:

איך בין דאָס ווײַב
פון דעם שעריף אַהעם.
און ער איז דער שעריף
פון נאָטינג—העם.

(פרוי זינגט מיטן זעלבן ניגון, וואָס סוחר — ביידע, פלעגמאַטיש).

עס דערהערט זיך אַ טראָמפּייטן - שאַל. ראָבין הוד מיט זײַנע מענטשן פאַרשווינדן. פּאַזש קומט אָן, רופט אויס:)

פּאַזש:

מאַכט אַ וואַרע פאַרן קיניג!
מאַכט אַ וואַרע פאַרן קיניג דזשאָן!

שעריף:

דער קיניג?!

בישאָף:

דער קיניג!?

אַלע:

דער קיניג!

קיניג:

(באַגלייט פון פּאַזשן, טראָגט אין איין האַנט אַ זילבערנע פײַל און אין דער אַנדערער — אַ פּאַרמעט).

שעריף:

ווילקאָמען, מאַיעסטעט אין נאָטינגהעם!

קיניג: (בייז).

ביסטו דאָס דער שעריף? אַ פײַנער
שעריף!.. דו...

שעריף:

מאַיעסטעט...

קיניג:

וואָס, צו אַלדע טײַוואַלים, מײַנסטו,

וואָס דו לאָזט דײַנע רויבער פּאַרכאַפּן מײַנע וועלדער און וועגן?
שעריף:
אָבער, קיניג, די הפקר־יונגען זײַנען דאָ אומעטום, אין דעם פרײלעכן ענגלאַנד.
קיניג:
אָבער אין ערגעץ איז נישטאָ אַזאַ רעבעלירנדיקער גײַסט ווי ראָבין הודן! זע, וואָס עס האָט מײַן הוט דורכגעלעכערט, ווען איך בין אַרײַנגעריטן אין נאָטינגהעם.
(דערלאַנגט דעם פּאַרמעט מיט דער פײַל דעם שעריף).
שעריף: (קוקנדיק אין פּאַרמעט, לײענט)
„זײַט וויסן אַלע מענטשן, אַז איך, ראָבין הוד, דערלויב דזשאַנען פון ענגלאַנד אַ זיכערן דורכגאַנג דורכן וואַלד".
קיניג: (אין שטאַרקן צאָרן)
איז ראָבין דער שעריף? איז ראָבין הוד דער קיניג?! ראָבין, וועמען איך האָב געשטעלט אויסערן געזעץ, דערלויבט מיר, דעם קיניג, אַ זיכערן דורכגאַנג? בעסער זע, וואָס דו קאָנסט טאָן, שעריף! אין דרײַ טעג אַרום קום איך צוריק אין נאָטינגהעם. אויב דו וועסט ביז דאַן ניט האָבן געהאַנגען ראָבין הודן, וועל איך דיך לאָזן שלאָגן מיט דײַן אײגענעם שטעקן.
שעריף:
אָבער מאַיעסטעט...
קיניג:
און דיך, בישאָף, וועל איך שלאָגן מיט דײַן שטעקן.
שעריף: } (צוזאַמען)
בישאָף: }
מיך שלאָגן מיט מײַן שטעקן?

קיניג:
איך וועל אײַך צעטרעטן, איך גײ!.. אָבער געדענקט!..
(אָפּ מיט זײַנע פּאַזשן).
שעריף: (אין כּעס)
טראָגט זיך אָפּ!
(אַלע אָפּ אין אײַלעניש, אַחוץ ווײַב און בישאָף)
בישאָף.
איך האָב תּמיד געזאָגט, אַז דו פאַרזעסט ראָבינס שלעכטע מעשׂים. זײַנע פלאַפלערײַען פאַר דאָס רעכט פון די אָרעמע האָבן אויפגעעיערט ענגלאַנד, ווי האָפּן אין אַ פאַס ווײַן.
שעריף:
איך האָב פאַרקוקט? ס'איז ניט געלונגען אים צו כאַפּן.
ווײַב:
הערט נאָר אויס. מיר וועלן מאַכן אַ געוועט, ווער ס'קען בעסער שיסן אין ציל מיט פײַל און בויגן, און געבן אַ פּריז אָט די זילבערנע פײַל. דאָס וועט ראָבין הודן פאַקן, ווײַל ער האָט ליב זיך איבערצונעמען אַלס דער בעסטער שיסער.
שעריף:
אָבער ווי אַזוי וועלן מיר אים דערקענען?
ווײַב:
נאָך זײַן גרין אָנטואַכץ. ער מיט זײַנע מענטשן טראָגן גרינע קלײדער.
שעריף:
איך וועל דיך פאָלגן, ווײַב.
בישאָף:
קומט און לאָמיר אָנפאַנגען אַזאַ שפּיל.
(אַלע אָפּ. עס הערט זיך פון ווײַטן דאָס ערשטע ליד–נ' 9).

ערשטער אקט.

(אין וואַלד פון שערווּד. אויף דער בינע: גודי, טים און פעגי, קלײַבנדיק טרוקענע צווײַגן).

פעגי:

וואָס דאַרף מען פײַער, אַז דער טאָפּ איז ליידיק?

גודי:

אָ, אֶפשר וועלן מיר זיך טרעפן מיט ראָבין הודן, ער וועט אונדז שוין עפּעס געבן. דאָס געזעץ זאָגט: ער איז אַ רויבער, ווײַל ער נעמט אָפּ פון די רײַכע און שפּײַזט די אָרעמע. און איך זאָג: די רײַכע פון ענגלאַנד זײַנען די רויבער, וואָס פאַרכאַפּן דאָס לאַנד פאַר זיך און נעמען נאָך אונדזערע זין פאַר זעלנער. זאָל גאָט בענטשן ראָבין הודן, אויף צעזעצעניש דעם קיניג און דעם שעריף, וואָס האָסן אים.

פעגי:

אָבער פאַרוואָס זאָל דער קיניג אים האָסן, באָבע?

טים:

נאַרעלע, דערפאַר וואָס ער שיסט די הירשן אין קיניגס וואַלד.

גידי:

ניין, דערפאַר וואָס ער קעמפט קעגן די שלעכטע געזעצן.

טים:

ווען איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך זײַן פונקט ווי ער.

פעגי:

וועסט נאָך דאַרפן אַ היפּש ביסל וואַקסן.

טים:

איך וועל טאַקע שוין אָנפאַנגען. ערגער זיך נישט, באָבע טײַערע, איך וועל דיר ברענגען אָונטבערויט. (נעמט לויפן).

גידי:

שטיי, שטיי!

טים:

איך וועל עפּעס שיסן מיט מײַן פײַל און בויגן.

גידי:

ווי, ווי, קענסט נאָך שיסן דעם קי־ניגס הירשן, און דער שעריף וועט דיך כאַפּן און אֶפשר בלינד מאַכן.

פעגי:

אָבער, באָבע, טים קען גאָר ניט שיסן מיט זײַן פײַל־און־בויגן.

(גייענדיק נאָך טימען).

(ראָבין הוד, מאַריאַן און די פריילעכע יונגען קומען אָן זינגענדיק דאָס „בעכער־ליד").

טינק, טענק, טינק, טענק,\
טינקאַ, טענקאַ, טינקאַ טענקאַ.\
טינק, טענק, טינק, טענק —\
טינק, טענק, האָרך דעם האַמער\
קלינגען.\
ווען האַנדל איז גוט, איז אונדז פריילעך,\
אונדז איז גוט אַזוי ווי דעם מֶלֶך!

פעגי: (לויפט אַרײַן וויינענדיק)

אָ, ראָבין! ראָבין!..

ראָבין:

וואָס האָט געטראָפן, קינד?

(לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני).

פעגי:

ראָבין, מיר זײַנען הונגעריק, און טים איז אַוועקגעלאָפן שיסן הירשן.

ראָבין:

איי, איר לוסטיקע יונגען! איז עפּעס געבליבן ברויט און פלייש פון מיטאָג?

טאַק:

איך גלויב, אַז נישט, ראָבין.

ראַבין:

ווייז ניט, פּעגי, דו וועסט עפּעס האָבן אויף דער נאַכט אין טאָפּ דײַנעם. איך זאָל אַפילו וויסן צוצונעמען דעם שע־ריפס מאָלצײַט. לוסטיקע יונגען! האָבן מיר דען נישט געשוואָרן צו שפּײַזן די הונגעריקע?

טאַק:

יאָ — און מיר אַליין זײַנען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער, כּדי אונדזער שבועה צו האַלטן.

(ציט אײַן זײַן פּאַסעק. אַלגעמיינער געלעכטער)

אַלאַן:

אָט קומט וויל סקאַרלעט. אפֿשר האָט ער עפּעס געבראַכט.

ליטל דזשאַן:

קוקט נאָר אָן זײַן ראָק. האָט ער אפֿשר בּאַרויבּט דעם קיניג?

(וויל קומט אָן מיטן סחורה־פּאַק אויף דער פּלייצע, ווערט פריילעך אויפגענומען).

אַלע:

היי, וויל! היי, וויל! ווילקאָמען, אײַער גרויסקײַט... אײַער מאַיעסטעט... ווו האָסטו דאָס געפּאַקט?

וויל: (וואַרפט אַראָפּ דעם פּאַק).

איך האָב אָפּגעשטעלט אַ רײַכן סוחר און זיך מיט אים געביטן מיט די זאַכן.

(מאַריאַן און פּעגי זוכן אין זאַק).

טאָק:

וואָלסט בעסער זיך געביטן מיטן קצבֿ אָדער מיטן בעקער.

וויל:

גוטער טאַק, אַ מאָלצײַט איז דאָס, וואָס דו באַגערסט. טאָ גיי אפֿשר צום שעריף, ער וועט דיר געבן אַ מאָלצײַט.

אַלע:

דער שעריף?! יאָ, יאָ, אַ מיטאָג אין טורמע.

וויל:

אָ, ניין! ער האָט געלאָזט אײַנלאַדן אַלע פײַלנשיסער, אויסצופּרוּוון זייער קונסט, מיט אַ זילבער־פײַל אַלס פּריז.

מאַטש:

מיר טאָרן נישט גיין.

ראַבין:

איך האָב ניט ליב דאָס וואָרט טאָרן ניט.

מאַטש:

דו ווייסט גאַנץ גוט, ראַבין, אַז דאָס איז בלויז אַ מיטל ווי אַזוי אונדז אַרײַנצונאַרן און ספּעציעל דיך צו פּאַקן, ראַבין.

ראַבין:

ווייס איך וואָס! דער שעריף וועט אונדזערע נעז נישט דערקענען, ווײַל אַנטואַכץ פון גרין מיינט פאַר אים רויבער, אָבער ווען מיר גייען אָנגעטאָן אין אַנדער קאָליר? (אַלע לאַכן).

מאַריאַן:

אָבער, ראַבין, דו וועסט דאָך ניט גיין.

ראַבין:

אָבער ראַבין וועט יאָ גיין!

מאַריאַן:

נו, גוט. גיי איך אויך מיט דיר.

ראַבין:

ניין, דו וועסט ניט קריכן אין געפאַר.

מאַריאַן:

טאָ לאָז ניט איבער מיך אַליין אין וואַלד.

ראַבין:

אָבער איך מוז דאָך גיין.

מאַריאַן:

נו, גוט. גיי געזונט. פּעגי און איך וועלן כלעכטן קרענץ אין וואַלד, כּדי צו שטופּן די צײַט.

(ראַבין מיט זײַנע מענטשן מאַרשירן אַרויס זינגענדיק דאָס בלעכער־ליד).



נומ׳ 11.

צווייטער אקט.

אין שעריפס גאָרטן. אויף דער בינע אַ מענטש מיט אַ טראָמפּייט.

טרומייטער:

טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!
דער שעריף רו ט צו יעדן פײַלנשיסער,
זײַן קונסט פּרובירן אין דעם שפּיל.
דער פּרײַז וועט זײַן אַ פײַל פון זילבער,
זאָל יעדער קומען, ווער עס וויל.
טאַ, טאַ, טאַ, טאַ, טאַ!

(עס קומען אָן שעריף, ווײַב און בישאָף).

בישאָף:

(קלאַפּט דעם שעריף אויף דער פּלייצע).

זײַ מונטער, שעריף! מיר וועלן ראָבין הודן אין נעץ פאַרכאַפּן, איידער נאַכט פאַלט צו.

ווײַב:

דער ראָבין הוד איז אַ פרעכער מענטש.

טרומייטער:

טאַ, טאַ, טאַ!
דער שעריף רופט אַא״ו.

(הערט זיך צו און קוקט אין דער ווײַטקײַט).

טרומייטער: (צום שעריף)

די שיסער קומען!

(עס קומען אָן ראָבין הוד און זײַנע פרייליכע יונגען, געקליידעט אין רויטן מיט פײַל און בויגנס. שעריף באַטראַכט זיי).

שעריף:

פײַלנשיסער, קומט אַהער! — מערער נישטאָ?

(אַלע שאָקלען: ניין, אָבער קיינער רעדט ניט)

פײַלנשיסער, מע האָט מיר דערציילט, אַז אַ געוויסער פײַלנשיסער, ראָבין הוד, האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלס דער בעסטער ציל־טרעפער אין ענגלאַנד. אַזאַ באַרימער דאַרף מען שלאָגן.

וויל:

אָבער, הער שעריף, איז דער באַרימער דאָ אַרום?

שעריף:

ס׳מאַכט ניט אויס.

וויל:

אויב ער איז ניטאָ, ווי אַזוי קאָן מען אים שלאָגן?

שעריף:

אויב ראָבין באַווײַזט זיך ניט, דערקלער איך אים פאַר אַ פּחדן.

ראָבין:

און מיט רעכט, אײַער עקסעלענץ!

שעריף: (שטורכענדיק זײַן ווײַב)

דו הערסט? „עקסעלענץ״... ע!

(צו ראָבינען)

און ווער ביסטו, מײַן פרײַנט? קומסטו ניט פון נאָטינגהעם?

ראַבּין:

ניין, אײַער ליכטיקײַט... נאָר הערנ־דיק פון אײַער באַרימער בין איך אהער געקומען זיך פאַרמעסטן מיט אים.

שעריף:

שלאָג אים. ראַבּין הוד באַרימט זיך, אַז ער קען טרעפן אין בולס אויג נײַנ־ציק טריט אָפּגערוקט. קענסטו בעסער?

ראַבּין:

איך קען פּרוּוון, אײַער איידלקײַט.

שעריף: (שמייכלענדיק)

איידלקײַט... דאָס קלינגט גראַנדיעז. נו, פײַלנשיסער, פּרובירט אײַער קונסט.

(צוויי דינער טראָגן אַ ציל־ברעט דורך דער בינע. די שיסער שטעלן זיך אין ריי. איינער דיריזשירט, אַ צווייטער, פון הינטער דער בינע, רופט אויס די רעזולטאַטן. שיסן פון דער בינע).

אויסרופער: (ווען אַלאַן שיסט)

אין דעם ווײַסן!

אַלע (חזרן איבער)

אין דעם ווײַסן!

אויסרופער: (ווען וויל שיסט)

אין דעם רויטן!

אַלע (חזרן איבער).

אין דעם רויטן!

אויסרופער: (ווען ליטל שיסט)

שלעכטער שאָס!

אַלע (חזרן איבער).

שלעכטער שאָס!

אויסרופער: (ווען מאַטש שיסט)

האַ, פאַרבלאָנדזשעט!

אַלע (חזרן איבער).

שלעכטער שאָס!

אויסרופער: (ווען ראַבּין שיסט)

אין בולס אויג אַרײַן!

אַלע:

אין בולס אויג אַרײַן, אין בולס אויג אַרײַן! הוראַ! הוראַ!

שעריף:

איצט רוקט אָפּ דאָס ציל־ברעט אויף הונדערט טריט

(צו טאַק און ראַבּינען)

פּרובירט נאָר איצט.

אַלע: (ווען טאַק שיסט)

שלעכטער שאָס! שלעכטער שאָס!

(ווען ראַבּין שיסט).

אין בולס אויג! אין בולס אויג! הוראַ! הוראַ!!

שעריף: (באַגײַסטערט)

ראַבּין, ווו ביסטו? פּחדן, דו ביסט גע־שלאָגן! איך דערקלער דעם פרעמדן אַלס מוסטער־שיסער! נעם די זילבער־פײַל און קום צום מאַלצײַט. קומט אַלע!

ראַבּין:

לאָז אונדז צוערשט זיך אַרומוואַשן.

שעריף:

גוט, מאַכט עס שנעל.

(ראַבּין און זײַנע יונגען מאַרשירן אַרויס זינגענדיק דאָס „בלעכער־ליד”).

ווײַב:

אַ שיינער און פײַנער יונג.

בישאָף:

און האָט אַזאַ באַשיידענעם אויסזען.

שעריף: (צום טראָמפּייטער)

מענטש, רוף אויס, אַז ראַבּין איז גע־שלאָגן!

ראַבּין: (פון הינטער דער בינע)

דו לײַגסט, ראַבּין איז דער מוסטער־שיסער פון ענגלאַנג!

(עס פליט אַרײַן די פײַל).

שעריף:

לויפט, יאָגט אים, כאַפּט אים, קריגט אים!

(שעריפס-לײַט לאָזן זיך לויפן, איינער הייבט אויף די פײַל און גיט דעם שעריף).

שעריף: (לייענט)

„צוריקגעשיקט פ'ן ראָבין הודן".—אָט האָסטו דיר!

ווײַב:

דאגה ניט. מיטאָג איז פאַרטיק. איך וועל גיין זיי אונטעראײַלן.

שעריף:

יאָ, מיטאָג. איך קען גאָרנישט טאָן אויף א ליידיקן מאָגן...

בישאָף:

האָט ער עס דיר א ביסל אָפּגעטאָן.

שעריף:

נו, נו, אזא אויסוואורף, דער ראָבין הוד, וואָס באַהויפּטעט דאָס רעכט פון יעדן מענטשן אויף א פולן מאָגן. איך וועל אים שוין אָנשטאָפּן א מאָגן!

בישאָף:

הז רך, מיר דוכט, זיי האָבן אים גע-כאַפּט — אָ, ניין, ס'איז בלויז א קינד, וועמען זיי שלעפּן.

שעריף:

מענטש, דו האָסט מיך דערשראָקן אויף טויט.

(שעריפס מענטשן טראָגן אַרײַן טימען. איינער טראָגט אַ העזל בײַ די אויערן).

שעריף:

ווער איז דער אויסוואורף?

איינער:

מיר האָבן אים געפּאַקט רויבנדיק האָזן.

שעריף:

הא, רויבער, וועסט רויבן האָזן!

טים:

אָבער באָבע איז הונגעריק...

שעריף:

ווייסטו ניט דעם געזעץ, אז פאַר אזא פאַרברעכן קען מען דיר די אויערן אָפּשנײַדן, אָדער די ליפּן שפּאַלטן?

טים:

אָבער באָבע איז הונגעריק.

שעריף: (איבערקרימענדיק)

באָבע איז הונגעריק! זײַנען מיר דען אַלע ניט הונגעריק? מיטאָג! ווײַב, מיטאָג!

מענטש:

זאָלן מיר אים פאַרפּאַקן אין טורמע?

שעריף:

אוודאי, און גוט אָנברעכן די ביינער. דו ראָבין הוד!.. דו!..

ווײַב: (קומט)

מאַן, באַרויִק זיך.

שעריף:

רויִק? ווער, איך? איך בין רויִק ווי א פיש. ווו איז דער מיטאָג?

ווײַב:

פרעג גאָר ניט. בעסער פרעג דעם קצב און דעם בעקער.

שעריף:

קצב! בעקער!!

(ביידע שלעפּן זיך פון צווישן עולם דער-שלאָגענע אַרויף אויף דער בינע).

ווו זײַנען מײַנע פליישן? מײַנע ברויטן און...

קצב:

מײַן האר, די שולד איז ניט אונדזערע. ווען מיר זײַנען דורכגעגאַנגען דעם וואַלד...

בעקער:

האָבן מיר געטראָפן ראָבין הודן מיט זײַנע מענטשן לאַכנדיק און פריילעך...

קצב:

האָט ער אונדז אַ פֿרעג געטאָן, וווהין מיר פֿירן די אַלע גוטע זאַכן,

שעריף:

און איר האָט אוודאי געזאָגט, אַז פֿאַר מיר, דעם שעריף.

(זיי שאָקלען: יאָ).

שעריף:

טיפּשים, אידיאָטן! איר האָט אים גע-דאַרפֿט זאָגן, אַז דאָס פֿירט איר פֿאַר די אָרעמע אין שטעטל, וואָלט ער אײַך דורכגעלאָזן.

קצב:

אָ, מײַן האַר, מיר האָבן קיין שׂכל ניט געהאַט צו זאָגן אַ ליגן.

בעקער:

ער האָט אונדז געזאָגט, אַז די אָרעמע וועלן אונדז בענטשן ..

שעריף:

אין טורמע נעמען זיי! אין טורמע!

(מע שלעפּט זיי אַרויס).

טים:

איצט וועט מײַן באָבע האָבן וואָס צו עסן.

שעריף:

האַ! מיט מײַן מיטאָג?

(טים איז מסכּים מיטן קאָפּ)

דו, רויבער. מײַנע פֿליישן, מײַנע גע-בעקס!

טים:

ראָבין איז דעם אָרעמאַנס פֿרײַנט, ער טיילט זיך תּמיד מיטן לעצטן ביסן.

(טאַנצט און זינגט אונטער)

ער נעמט פֿון דעם בישאָף,
מאַגנאַט און באַראָן;
ער נעמט ניט פֿאַר זיך,
נאָר פֿאַר דעם אָרעמאַן.
הוראַ! ראָבין הוד!
הוראַ! ראָבין הוד!

(אַנטלויפֿט. מענטשן יאָגן אים).

שעריף:

כאַפּט אים, קלאַפּט אים!

בישאָף:

מע דאַרף ניט. בעסער כאַפּן ראָבינען. הער אויס: אויב ווי דאָס ייִנגל זאָגט, ער זאָל טראָגן צו דער אַלטער אין הײַזל, האָבן מיר אים אין נעץ. מיר וועלן קומען אַהין מיט אונדזערע מענטשן און רינגלען אים אַרום.

שעריף:

אָבער ווו זאָל מען דאָס הײַזל געפֿינען?

שעריף: (ווײַזנדיק אויף טימען).

אָט אָ דאָס ייִנגל וועט אונדז פֿירן צו זײַן באָבעס הײַזל.

טים:

קיינמאָל ניט!

(דער בישאָף מיט זײַנע מענטשן שטופּן אַרויס טימען. טים רײַסט זיך און וויינט).

שעריף:

זאָלן זיי גיין צו דער באָבען זוכן ראָ-בינען. און איך וועל מיט מײַנע מענטשן גיין צו ראָבינס לאַגער זײַן געליבטע פֿרוי, מאַריאַן, פֿאַנגען, וועט ער שוין בּמילא אַרײַנפֿאַלן אין מײַן נעץ. ווײַל ער וועט זיכער קומען זי אויסלייזן.

ווײַב:

ביסט אַ חכם, מײַן מאַן.

שעריף:

קומט!

(אַלע מאַרשירן אַרויס).

דריטער אקט.

ערשט בילד – ראַבין הודס לאַגער,
צווייט בילד – גודיס הײַזל.

ערשט בילד:

שעריף מיט זײַנע מענטשן שאַרן זיך פאַמעלעך אין באַהעלטעניש.

שעריף:

מענטש, האָב דײַן געווער פאַרטיק און טרעט פאַמעלעך.

מענטש:

גוט, מײַן האַר!

שעריף:

האָרך נאָר!

(באַהאַלטן זיך הינטער אַ בוים).

כ׳האָב אַ קלאַנג דערהערט.

מענטש:

ס׳איז גאָרנישט, ס׳איז געפאַלן אַ בלאַט צו דער ערד.

שעריף:

אויב ראַבין כאַפּט אונדז?

מענטש:

קענען מיר אָפּציִען גיך.

שעריף:

ניט איך.

מענטש:

אַ שטים הער איך נעענטערט צו אונדז און זיך ציט.

מענטש:

ס׳איז זי, מאַריאַן. זי זינגט זיך אַ ליד.

(אַלע באַהאַלטן זיך. מאַריאַן קומט אָן מיט פעגין, טראָגנדיק בלומען־קראַנצן. מאַריאַן זינגט נומ׳ 12).

מאַריאַן:

דער זומער קומט ווידער אַרײַן.
זינג, זינג, העכער, קו־קו!
וואַקסט דאָס פעלד
און ווינטל קילט.
לעבט דער וואַלד און ער בליט:
זינג, זינג, קו־קו!
זיגג, זינג קו־קו!
אָ—אָ—אָ זינג, קו־קו!

(דער שעריף מיט זײַנע מענטשן שפרינגען אַרויס און כאַפּן מאַריאַן.)

מאַריאַן:

ווער זײַט איר?

שעריף:

איך, דער שעריף! איז ראַבין דאָ?

מאַריאַן:

ניין! (ער אָטעמט גרינגער אָפּ).



נומ׳ 12.

שעריף:

אין׳ דארף אים קריגן. ווערסטו דער-ווײַל גיין מיט אונדז אַלס מַשכּן.

(מאַריאַן הייבט דעם האָרן צו בלאָזן. דער שעריף רײַסט אים אַרויס פון איר האַנט).

שעריף:

ניין, ניין, מײַן טײַערע, ניט רוף אים.
כ׳האָב קיין צײַט פאַר אים דערווײַל,
דערקלערן וועט אים אַלץ די פײַל.

שעריף שטעקט צו די פײַל צו אַ בוים. מענטשן פירן אַרויס מאַריאַן. פּעגי כאַפּט אַראָפּ די פײַל און אײַלט שנעל אַוועק.

ס׳ווערט פינצטער אַ מינוט. ווען ס׳ווערט צוריק ליכטיק, זעט זיך גודיס הײַזל.

צווייט בילד.

אַ גרופּע קינדער שפּילן זיך אין פעלד זינגען און טאַנצן (נ׳ 13)

(קינדערלעך רוקן זיך אָפּ אין אַ זײַט און די באָבע באַווײַזט זיך פון הײַזל).

זעסט, באָבע: פליישׁ און ברויט און זיסע זאַכן פאַרן קליינוואַרג.

גודי: (קומט אַרויס פון הײַזל)

אַ בּרָכה אויף דײַן קאָפּ.

(שטרעקט אויס די הענט צום קאָרב).

ראָבין:

איכל עס פאַר דיר אַרײַנטראָגן אין הײַזל.

(זיי גייען צום הײַזל. קינדער שושקען זיך: „ראָבין הוד, ראָבין הוד". טים לויפט אַרײַן אָן אַן אָטעם).

טים:

אָ, ראָבין, ראָבין! דו ביסט אַרומגע-רינגלט. דעם בישאָפס מענטשן האָבן מיך געכאַפּט, אָבער איך בין אַנטלאָפן. זיי קומען אַהער פון אַלע זײַטן.



נומ׳ 13.

לאָמיר זינגען, לאָמיר טאַנצן,
רײַסן בלומען, פלעכטן קראַנצן.
פאַר דעם בעסטן מענטשן-קאָפּ,
טראַ-לאַ-לאַ-לאַ, האָפּ, האָפּ, האָפּ!
און דער בעסטער מענטש וועט זײַן,
וועלכער קומט צו ערשט אַרײַן.
ערשטער, ערשטער, קום, קום, גיך.

(ראָבין באַווײַזט זיך מיט אַ קאָרב און רופט).

ראָבין:

באָבע, היי, באָבע!

ראָבין:

מײַנע מענטשן! ווו זײַנען מײַנע יונגען?

(ראָבין כאַפּט זײַן בויגן. טים כאַפּט אָן זײַן האַנט:)

טים:

שׂכל, מײַן פירער! זיי זײַנען אַ סאַך אין צאָל.

גודי:

קום אַרײַן, ראָבין טײַערער, איך וועל דיך באַהאַלטן אין שאַפע.

ראַבין: (באַטראַכט זי און שמייכלט)

ניין, איך יועל פאַרשווינדן אין דײַנע קליידער און פאַרוק.

(ווענדעט זיך צו די קינדער)

ווער פון אײַך וועט אויסזאָגן, ווו איך באַהאַלט זיך?

קינדער:

מיר דיך ניט אַרויסגעבן. קיינער פון אונדז.

ראַבין:

איך גלויב אײַך.

(ראַבין, באָבע און טים פאַרשווינדן אין הײַזל).

ערשט קינד:

וואָס וועלן מיר זאָגן, אויב דער בישאָף וועט אונדז פרעגן?

צווייט קינד: (ווײַזט רעכטס)

איך וועל זאָגן ר'איז אַוועק אהין.

דריט קינד: (ווײַזט לינקס)

איך וועל זאָגן — אהער.

פערט קינד:

אָבער ס'וועט זײַן אַ ליגן.

פינפט קינד:

ווייסט איר וואָס, לאָמיר גאָרניט זאָגן. שווײַגן.

אַלע שאָקלען „יאָ". עס הערן זיך שטימען. בישאָפס און שעריפס מענטשן קומען פאַרזיכטיק פון פאַרשיידענע זײַטן, שטעלן זיך אין צענטער.

בישאָף:

מיר האָבן אים. ער וועט זיך פון אונדז ניט אַרויסדרייען. גייט זוכט דאָרט אין הײַזל.

(מענטשן גייען זוכן).

בישאָף: (כאַפּט אָן אַ קינד פאַרן קאָלנער)

האָסטו געזען אַ מאַן דאָ?

(קינד פרעסט שטאַרק די ליפּן און שווײַגט).

ענטפער מיר גיכער!

(טרייסלט און שרײַט „ענטפערט!" אַלע שווײַגן. עס הערן זיך שטימען פון הײַזל. שעריפס לײַט קומען און שלעפּן ראַבינען אין גודיס קליידער).

איינער:

אָט איז די אַלטע מכשפה, זאָל זי זאָגן, ווו ראַבין איז באַהאַלטן.

„ראַבין": בייגט זיך און קרעכצט)

האָב רחמנות, מײַן האַר, האָב רחמנות!

בישאָף:

ווו איז ראַבין? ענטפער, אַלטע.

„ראַבין":

איר האָט אים בײַ אײַך אין האַנט. זוכט אין שאַפע, וועט איר געפינען.

(זיי לאָזן אָפּ „ראַבינען" און לאָזן זיך אין הײַזל. „ראַבין" שלײַכט זיך אַרויס און ווינקט צו די קינדער. ער פאַרשווינדט. — שעריפס לײַט קומען און שרײַען).

שעריף-לײַט:

מיר האָבן אים, מיר האָבן אים!

(שלעפּן גודין אין ראַבינס קליידער).

בישאָף:

ברענגט אים אהער!

(זיי שלײַדערן גודין צום בישאָפס פיס)

בישאָף:

אָט האָב איך דיך. דו ביסט דאָך עפּעס אַ מעכטיקער און פאַלסט פאַר מיר אויף די קני. ניט בעט קיין רחמנות. די תּליה וואַרט אויף דיר. בינדט אים!

(ווילן אים בינדן. קינדער אַמוזירן זיך שטאַרק, דרייען זיך אַרום גודין און זינגען: נ' 14)



נומ׳ 14.

קינדער:

ראַבין הוד, ראַבין הוד,
אוי, וועט מען דיך הענגען;
אויף אַ היכן, הויכן בוים—
וועט מען דיך ברענגען.

איין מאַן: (שרייט אויס)

לאָרד, ס׳איז אַ פרוי!..

בישאָף:

האַ, אַ פרוי?! ראַבין הוד אַ פרוי?!

איינער:

ניין, אַ פרוי אין ראַבינס הויזן.

(עס דערהערט זיך אַ שאַלן פון האָרנס).

צווייטער:

היט זיך. דאָרטן קומט ראַבין מיט זײַן גאַנצער באַנדע.

(אַלע נעמען אַנטלויפן. בישאָף וויל אויך לויפן, נאָר ער כאַפּט זיך פאַר אַ פוס).

בישאָף:

ראַטעוועט מיך! לאָזט מיך ניט איבער אַליין, ער זאָל מיך ניט כאַפּן! אָ, מײַן פוס!..

(בישאָף באַהאַלט זיך הינטער גודין. ראַבין מיט זײַנע יונגען קומען אָן, רינגלען אַרום דעם בישאָף, שטורכען אים מיט די בויגנס)

ראַבין:

קריך אַרויס, דו פּחדן!

בישאָף:

ס׳איז ניט איך. דער שעריף האָט מיך געשיקט.

אַלאַן:

ראַבין, זאָל ער טאַנצן אַ „דזשיג".

(אַלע לאַכן שטאַרק. שטעלן זיך אויס אין אַ קרײַז, שרײַען: „אַ דזשיג!" און פּאַטשן צו צום טאַקט פון דער מוזיק. דער בישאָף מוז נעבעך טאַנצן, טאַנצט אומגעלומפּערט. טים לויפט אַרײַן. דערזעט די סצענע, טאַנצט ער אַנטקעגן דעם בישאָף. געלעכטער ווערט שטאַרקער. עס הערט זיך אַ געשריי: „ראַבין! ראַבין!" פּעגי לויפט אַרײַן טראָגנדיק די זילבער-פײַל).

ראַבין:

וואָס איז געשען, פּעגי? רייד גיכער.

(דער בישאָף מאַכט דערווײַל פּליטה. ראַבין נעמט בײַ איר די פײַל מיטן פּאַרמעט. לייענט).

ראַבין:

„מאַריאַן איז בײַ מיר געפאַנגען. אויב דו, ראַבין, וועסט זיך ניט איבערגעבן און צאָלן פאַר איר, וועל איך זי איבערגעבן צום קעניג.

שעריף פון נאָטינגהעם".

ראַבין:

דאָס מיינט: אויב איך וועל זיך צושטעלן, וועט ער מאַריאַן באַפרײַען. גוט!

טאַק:

ניין, ראַבין! מיר אַלע מוזן אַ וועג געפינען צו באַפרײַען אײַך ביידן. חֲבֵרָה! לאָמיר שווערן, אַז מיר מוזן זיי באַפרײַען.

אַלע:

מיר שווערן, מיר שווערן,
אַז פרײַ מוזן ווערן.

מאַריאַן און ראָבין נאָך הײַנט.
ניט לאָזן פאַרשפאַרן
אין תּפיסה פון הארן
ראָבין, דעם אָרעמאַנס פרײַנט.

(גייען אָפּ זינגענדיק דאָס „בלעכער-ליד”).

פערטער אקט.

אין שעריפס גאָרטן. הינטער אַ באַנק ליגט באַהאַלטן טים. אויף דער בינע שטייט אַ פּאַוש. עס קומען אָן: שעריף און בישאָף ריידנדיק.

בישאָף:

ביסט אַ טיפּש.

שעריף:

און דו ביסט אַן אייזל.

שעריף:

איך וואָלט זיך מחיה געווען צו זען, ווי דו האָסט „געדזשיגעט”. כאַ-כאַ-כאַ!..

בישאָף:

ווי אַזוי קענסטו זיך וויצלען, אַז די דרײַ טעג זײַנען שוין פאַרבײַ, און דער קיניג דאַרף באַלד קומען?

(עס לויפן אַרײַן מענטשן און שרײַען:
„דער קיניג, דער קיניג!)

שעריף:

איז דער קיניג שוין דאָ?

קינדער:

מיר זעען זײַנע פאָנען אין וואַלד.

שעריף:

אָט האָסטו דיר! וואָלט ער זיך כאָטש פאַרהאַלטן, ביז איך האָב ראָבינען.

בישאָף:

האָסטו נישט ראָבינען, האָסטו זײַן מאַריאַן, אַ גוטער פּרײַז פאַרן קיניג. האַלטסטו זי אין אַ זיכערן אָרט?

שעריף:

גוט באַוואָרנט אונטער שלאָס און ריגל.

(באַווײַזנדיק דעם בישאָף אַ שליסל)

איך פאַרלאָז זיך ניט אויף קיינעם.

(לייגט אַרײַן דעם שליסל אין בוזים).

זי איז זיכער אונטער מײַן וואַכנדיק אויג.

(עס הערט זיך אַ טראָמייטן-שאַל. שעריף הייבט זיך אויף אַנטקעגן צו גיין דעם קיניג. פאַרלירט דעם שליסל. טים קריכט אַרויס פון באַהעלטעניש, כאַפּט דעם שליסל און אַנטלויפט אָן אַ זײַט. קיניג קומט, פּאַזשן און פאָנען-טרעגער פאַרויס, באַגלייט פון אַ סאַך גלחים, אַנגעטאָן אין זעק, פאַרבונדן מיט שטריק, קוקן אויס פאַרדעכטיק).

שעריף:

אײַער מאַיעסטעט, ווילקאָמען צוריק אין נאָטינגהעם.

קיניג:

האָסטו געטאָן ווי איך האָב באַפוילן?

שעריף:

אָבער מאַיעס...

קיניג:

האָסטו געטאָן, ווי איך האָב באַפוילן?! איך ווייס, אַז ניט. ווײַל אָט די גלחים האָב מײַן שוץ געזוכט דורכן וואַלד, אויס מורא פאַר ראָבין הודן.

שעריף: (ציטערנדיק)

קיניג, איך האָב געפאַנגען זײַן „ליידי” מאַריאַן.

קיניג:

אויב אַזוי, איז אַנדערש. גוט געטאָן, שעריף. איצט וועט זײַן לײַכט אים צו פאַקן און אויפהענגען. דערווײַל לאָז ברענגען ליידי מאַריאַן אַהער.

שעריף: (האַפּערדיק)

האָ! ברעגט צו פירן ליידי מאַריאַן אַהער!

(איינער שטרעקט אויס די האַנט צום שעריף)

שעריף:

אויף וואָס וואַרט איר?

איינער:

אויפן שליסל פון דער טורמע.

שעריף: (נעמט זוכן אין בוזים, אויפן גראָז. ווערט נערוועז).

דעם שליסל? ברעכט דעם שלאָס. ברעכט די טורמע. גייט און ברענגט.

ראַבין: (קומט מיט וויל קאַרלעט).

האַלאָ, שעריף! האָסט עפּעס פאַרלאָרן? האַלאָ, בישאָף! פילסט זיך אָפשר אויפגעלייגט צום טאַנצן? דאָס בין איך, ראַבין געקומען נאָך ליידי מאַריאַן.

שעריף:

ברענגסטו אויסלייז־געלט?

ראַבין:

וויפיל?

שעריף:

הונדערט גאָלדענע קראָנען!

ראַבין:

כדי צו באַצאָלן, וועסטו מיר מוזן געבן צייט צוצונעמען ביי די רייכע.

שעריף:

איך קיין צייט ניט.

סוחר:

וואָס האָסטו געטאָן מיט מיין אָנגערויבטן גאָלד?

ראַבין:

איך דערמיט געשפּייזט די אָרעמע.

בישאָף:

באַרעכטיקסטו דערמיט דיין רויבעריי אויף די רייכע?

ראַבין:

באַרעכטיקסטו דערמיט דיינע רויבעריען איבער די אָרעמע? איך האָב בלויז גענומען ביי דעם, וואָס האָט צופיל, און געגעבן צו יענעם, וואָס האָט גאָרניט.

סוחר:

איך וועל דיך איצט צווינגען מיר אומצוקערן, וואָס דו האָסט ביי מיר געגנבעט.

ראַבין:

אויב דער קיניג וועט אומקערן, וואָס ער האָט... פאַרנומען.

שעריף:

שווייג. גענוג. הער, ראַבין, דאָס איינציקע, מיט וואָס דו קענסט אויסקויפן דיין מאַריאַן — איז מיט דיין לעבן.

(קליינע פּויזע)

אויף וואָס האָפסטו נאָך?

ראַבין:

אויף גאָרניט פון דיר!

שעריף:

אפשר אויף דעם נויטבאַדערפטיקו אויסוווּרף?

ראַבין:

אָ, דו קליין קעפּעלע. זיי זיינען מעכטיק דאָרט, ווו דו פאַרשטייסט אפילו ניט. ברענגט אַרויס און באַפרייט ליידי מאַריאַן, איידער איך גיב זיך איבער.

שעריף:

דו גיב זיך אונטער גלייך, אויב...

(טים לויפט אַריין).

טים:

גיב זיך ניט אונטער, פירער, זי איז פריי!

(מענטשן לויפן אַריין).

מענטשן:

זי איז אַנטלאָפן, זי איז אַנטלאָפן!

(ראַבין גלייכט זיך אויס).

ראַבין:

נו, שעריף.

(שעריף דרייט זיך צוזאַמען).

קיניג:

אָבער דו ביסט ניט פריַ. סאָלדאַטן! אַרעסטירט אים!

(סאָלדאַטן באַפאַלן ראַבינען).

ראַבין:

היַ! איר לוסטיקע יונגען!

(גלחים וואַרפן אַראָפּ די קליידער און באַפאַלן די סאָלדאַטן. האַלטן זיי פעסט).

ראַבין:

נו, שעריף? דאָס זיַנען דאָס די נויט־באַדערפטיקע אויסוואָרפן.

קיניג:

ראַבין, איך באַפריַ דיך, אויב דו וועסט צוזאָגן אָפּצוהיטן דאָס געזעץ.

ראַבין:

כאַ־כאַ־כאַ! ער באַכריַט מיך. וועלכן געזעץ זאָל איך אָפּהיטן? דאָס געזעץ וואָס הייסט אָפּשניַדן אַן אויער פון אָרעמאַן, וויַל ער האָט געכאַפּט אַ העזל צו שטילן זיַן הונגער? דאָס געזעץ, וואָס נעמט צו ביַ יענעם, וואָס האָט געאַרבעט, און גיט צו דעם, וואָס האָט צופיל? איך שטעל זיך קעגן דיר. דו מעגסט שיקן דיַנע אַרמייען צו פאַנגען מיך. דו קענסט מיך פאַרשפאַרן אין טורמע, אָבער קענסט ניט פאַר־צאַמען דעם גיַסט פון ראַבין הודן. וויַל איך געהער צו די, וואָס לעבן אייביק. איך בין פאַרן פויער, פאַר דעם געבויגענעם רוקן און פאַר דער מאַזאָלעטער האַנט, פאַרן דענקער און פאַרן קינסטלער—פאַר אַלע, וואָס גיבן שיינקיַט דער וועלט.

דרייט זיך אויס צו זיַנע מענטשן. זינגט.

(נומ' 15).

כ'האָב געפירט אַ פריילעך לעבן
להכעיס קיניג הזשאָן.
קעגן זיַנע שלעכטע געזעצן
און פאַר דעם אָרעמאַן.

(ווען ראַבין זינגט, באַפריַען די יונגען די סאָלדאַטן. שטעלן אַן פּיל און בויגן. פאָרמירן אַ האַלב־קריַז. מאַריאַן קומט. אַלע זינגען דאָס ערשטע ליד „מענטשן הערט", דער גאַנ־צער אַנסאַמבל טאַנצט און זינגט, געפירט פון ראַבינען און מאַריאַן).



נומ' 15.

פרילינג-גאַנג

קינדער-אָפּערעטע אין איין אַקט.

טעקסט – **נתן ראָזאָווסקי.**

מוזיק – **מיכל געלבאַרט.**

אָנטײלנעמער:

זיידע	פרילינג	שנייעלעך
אייניקל	פעטער שנייער	קינדער
זון	אַ שטימע	ווינטן

די בינע:

אַ הײַזל אין וואַלד. דורכן פענצטער זעט זיך אַ ווינטערדיקער דרויסן. עס שנייט און ווייעט. דער זיידע זיצט בײַם אויוון און גרייט צו האָלץ צום הייצן. ווינטן וואָיען. מוזיק שפּילט אינטראָדוקציע, בשעת זיידע און אייניקל ריידן. ביז דאָס אייניקל הייבט אָן זינגען: „בלאָז, בלאָז, ווינטעלע".



נומ׳ 16.

אייניקל:

וואָס טוסטו, זיידע־ע?

זיידע:

איך גרייט האָלץ צום הייצן. אין דרויסן איז ווינטער און אין שטוב איז קאַלט— וואָס טוסטו, מײַן קינד?

אייניקל:

איך גרייט מיר גליטשערס צום גליטשן. זאָג מיר, זיידעשי, ווען איז בעסער, זומער צי ווינטער?

זיידע:

אוואַדע זומער.

אייניקל:

פאַרוואָס, זיידעשי?

זיידע:

דערפאַר, ווײַל זומער איז וואַרעם. מע דאַרף קיין האָלץ ניט גרייטן צום הייצן.

אייניקל:

כאַ־כאַ־כאַ... מער גאָר ניט? מע דאַרף קיין האָלץ ניט גרייטן... כאַ־כאַ־כאַ!..

זיידע:

וואָס־זשע לאַכסטו, מײַן קינד?

אייניקל: (טוט אָן די גליטשערס).

אָט אַזוי גליטשט מען זיך, זיידע. אָט אַזוי... (פליט איבערן צימער). ס׳געפעלט דיר, זיידע?

זיידע:

כ׳בין שוין אַלט, און מיר איז קאַלט. כ׳וועל אײַנהייצן.

(הייצט אײַן דעם אויוון. אין דרויסן בלאָזט שטאַרק דער ווינט).

הערסט, מײַן קינד, ווי עס בלאָזט דער ווינט? דאָס זאָגט ער אָן דעם ווינטער.

אייניקל:

און איך האָב פאַר אים קיין מוֹרא ניט. איך בין יונג און מיר איז וואַרעם.

(לויפט צום פענצטער און זינגט נומ׳ 17).

בלאָז, בלאָז, ווינטעלע!
ביל, ביל ווי אַ הינטעלע!
דו וועסט רוישן,
דו וועסט בלאָזן,
איך וועל דיך
אין שטוב ניט לאָזן.



נומ׳ 17.



נומ׳ 18.

(ווען די מוזיק שפּילט, „פליט״ דאָס ייִנגל גליטשנדיק זיך איבערן צימער און דע־קלאַמירט דאָס געזונגענע לידל: „בלאָז, בלאָז״, צום ריטם פון דער מוזיק, ביז די ווינטן הייבן אָן זינגען: „הוליעט״.

זיידע:

ער וועט אים אין שטוב ניט לאָזן.

איינ יקל:

לאַך ניט, זיידע.
אז מע וויל ניט, לאָזט מען ניט.

זיידע:

ביסט נאָך אַ קליינער ייִנגל.

(ווינטן זינגען אין דרויסן).

ווינטן:

הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן,
פרײַ באַהערשט די וועלט.
ברעכט די צווײַגן פון די ביימער,
טוט, וואָס אײַך געפעלט.

זיידע:

האָסט געהערט, מײַן קינד?
דאָס זינגען די ווינטן
זייער ווינטער־ליד.

איינ יקל:

און איך האָב פאַר זיי קיין מורא ניט.
אז איך וויל, זינג איך אָן אנדער ליד.

(זינגט נומ׳ 19).

דער פרילינג איז געקומען
מיט ליכט און זונענשײַן;
שנייען שוין צעשוואומען.
ווי גוט עס איז און פײַן!
דרויסן זינגען שוועלבעלעך,
עס הערט זיך דאָס געזאַנג;
עס לעבן אויף די וועלדעלעך,
באַגריסן פרילינג־גאַנג.

(ווינטן וואָיען און פײַפן).



נומ׳ 19.

זיידע:

דו זינגסט פון פרילינג, מיין קינד. צום פרילינג איז נאך ווייט.

אייניקל: (שטעלט זיך).

אז מיר ווילן, וועלן מיר אים ברענגען.

זיידע:

וועמען?

אייניקל:

דעם פרילינג. מיר וועלן גיין ווייט, ווייט, אין די ווארעמע לענדער, דורך טאלן און בערג. מיר וועלן פרילינג זוכן — און אים אהער ברענגען. דו וועסט גיין מיט אונדז, זיידע?

זיידע:

ניין, מיין קינד. איך בין שוין אלט און קען אין וועג נאך פאלן.

אייניקל:

אבער מיר זיינען יונג און שלאנק, וועלן מיר דעם פרילינג ברענגען.

זיידע:

מיר איז קאלט. איך וועל פייער מאכן און זיך ווארעמען.

אייניקל:

מיר איז ווארעם. קום טאנצן, זיידע, וועט דיר אויך ווארעם ווערן.

זיידע:

טאנצן גאר? בע-בע-בע! אז איך קען נישט, מיין קינד.

אייניקל:

נו, וועל איך אליין זינגען און טאנצן!

(זינגט דאס ליד „צוויטשי" פון געלבארטס בוך „לאמיר, קינדער, זינגען").

ווינטן:

וו-וו-וו-וו...!

זיידע:

הערסט, ווי עס בלאזט דער ווינט? ס'איז אזש א מורא.

אייניקל:

האב קיין מורא ניט, זיידע. באלד וועלן די קינדער קומען און ס'וועט פריילעך זיין. (פלוצים) ווייסטו וואס, זיידעשי? אט וועל איך זיך לעבן דיר זעצן, און דו וועסט מיר זינגען א לידל.

זיידע:

גוט, קינד מיינס. קום, זעץ זיך (זעצט זיך). לייג דעם קאפ אויף מיינע קני (לייגט זיך).

(זיידע זינגט נ'20).



נומ' 20.

מיר איז קאַלט, מײַן טײַער קינד,
עס טרייסלען מיר די ביינער.
הערסט, ווי דרויסן רוישט דער ווינט
און בייגט צו דרערד די ביימער.
הערסט, ווי דרויסן רוישט דער ווינט
און בייגט צו דרערד די ביימער.
און פאַרווייטע און פאַרשנייטע
וועלדער, פעלדער אויף דער וועלט.
און דער ווינטער מיט די ווינטן
ברענגט אונדז שנייען, ברענגט אונדז קעלט.

און די פייגל זיך צעפליגן,
קיינער זינגט ניט מער אין וואַלד;
און איך גיי שוין אײַנגעבויגן,
איך בין אַלט און מיר איז קאַלט.

(ווינטן ברומען און פײַפן).

זיידע:

נו, מײַן קינד, דו שלאָפסט?

אייניקל:

ניין, זיידע, איך שלאָף ניט. נאָר מיר איז אומעטיק. דײַנע לידער זײַנען טרויעריק; זינג עפּעס פריילעכע לידער.

זיידע:

איך בין אַלט און קען מער קיין פריילעכע לידער ניט זינגען.

אייניקל:

דאַרף מען ניט. באַלד קומען מײַנע חבֿרים. יונג זײַנען זיי, וועלן מיר פריילעכע לידער זינגען.

(ווינטן וואָיען און פײַפן).

זיידע:

דערווײַל איז ווינטער און ס'איז קאַלט...

אייניקל:

ניט אויף לאַנג, זיידע! מיר וועלן אויף די בערג גיין און פון דאָרט דעם פרילינג ברענגען.

זיידע:

און איך וועל דאָ אַליין בלײַבן? דער ווינט וועט דאָך מײַנע אַלטע ביינער צערײַבן.

אייניקל:

ניין, זיידע! אַז דער ווינט וועט שטאַרק בלאָזן, וועל איך דיך אַליין ניט לאָזן.

(עס הערט זיך פון ווײַטן אַ קינדערש געזאַנג. אייניקל לויפט צום פענצטער, שרײַט און פּאַטשט).

היי, קינדער! ווו זײַט איר? קומט אַהער! קומט אַרײַן!

דאָס געזאַנג דערנענטערט זיך. אייניקל וואַרפט אַראָפּ די גליטשערס. עס לאָזן זיך אַרײַן אַ סאַך קינדער מיט זעקלעך אויף די פּלייצעס, שטעקנס אין די הענט, מאַרשירן און זינגען דאָס ליד (נומ׳ 21)



נומ׳ 21.

קוקט, קינדער, אויף די דעכער,
ווי די ליכטלעך הענגען —
לאָמיר גיין=זשע גיכער, גיכער
און דעם פרילינג ברענגען.

מיר האָבן אַלע זעקעלעך
מיט שפּײַז אַ סאַך דאָרט אָנגעפּילט,
און אין הענט די שטעקעלעך —
פאַרטרײַבן דעם, וואָס בילט.

מיר האָבן ניט קיין מורא
פאַר שטורעם און פאַר קעלט;
ווײַל מיר גייען ברענגען
דעם פרילינג אויף דער וועלט.

באַלעט=טאַנץ.

(צוליב דוחק אין פּלאַץ רעקאָמענדירן מיר צו נוצן פאַר דעם באַלעט-טאַנץ די מוזיק פון אַ קלאַס-קער).

אייניקל:

הערסט, זיידע, סאַר אַ פריילעכע לידער זיי זינגען?

קינדער:

אַ גוט מאָרגן, זיידע!

זיידע:

אַ גוט יאָר אײַך, קינדערלעך!

קינדער:

וועט איר גיין מיט אונדז, זיידע?

זיידע:

איך בין אַלט,
מיר איז קאַלט,
ס'וועלן ווינטן בלאָזן,
איך קען זיך אין וועג ניט לאָזן.

קינדער:

נו, גוט! וועלן מיר אַליין
צום פרילינג גיין.

אַ קינד:

און דו, וואָוועלע, זאָלסט אַליין דעם זיידן נישט לאָזן, ווען די בייזע ווינטן וועלן נעמען בלאָזן.

אייניקל:

גוט, חברים.

אַלע:

גייען מיר!

(מאַרשירן אָפּ מיטן זעלבן ליד).

עס הערן זיך שטאַרקע ווינטן פײַפן).

זיידע:

הערסט, מײַן קינד? מיר דוכט זיך, אַז דער זיידע פראָסט מיטן פעטער שנייער קומען באַגלייט פון ווינטן.

(פון דרויסן הערט מען ווינטן זינגען מיט דעם ניגון פון „הוליעט, הוליעט"):

טרײַבט די פייגל פון די וועלדער
און פאַריאָגט זיי פאָרט;
די וואָס קענען ווײַט ניט פליען,
טויט זיי אויפן אָרט.

(זיידע טרייסלט זיך).

אייניקל:

שרעק זיך ניט, זיידע... באַלד וועלן די קינדער קומען, און מיר אַלע וועלן זיי פאַרטרײַבן.

(עס הערט זיך אַ רײַסן אין טיר).

זיידע:

ווער קלאַפּט עס דאָרט?

אַ שטימע:

עפנט אויף!

אייניקל:

ווער איז דאָרטן?

אַ שטימע:

איך מיט מײַנע אייניקלעך. וו=וו=וו=וו! עפנט אויף, אַניט וועלן מיר די טיר צעברעכן!

זיידע:

עפן אויף, קינד, און לאָז זיי אַרײַן. הערסט דאָך, אַז זיי וועלן די טיר צעברעכן.

(אייניקל עפנט. זיידע פאַרקריכט צום אויוון זיך וואַרעמען. עס שיטן זיך אַרײַן פעטער שנייער מיט מחנות שנייעלעך. שטעלן זיך אויס אין רייען און זינגען צום מוזיק=ריטם. ווען זיי ענדיקן זינגען, טאַנצן זיי דעם ווינטער=באַלעט).



נומ׳ 22.

כאָר:

פאַלן, פאַלן שנייעלעך,
שטילע, ווײַסע טײַבעלעך.

קושן, הוליען, טוליען זיך
צו פענצטערלעך און שײַבעלעך.

פליען ווײַסע פעדערלעך.
שנעלן רויטע בעקעלעך,

טראָגן זיך ווי שרעטעלעך,
אויף אַלע ווײַסע וועגעלעך.

דרייען זיך אַ קרענצעלע,
ווײַסינקע און ריינינקע.

טאַנצן זיי אַ טענצעלע,
שפּילנדיקע, שיינינקע.

שניי־טאַנץ.

שנייער:

היי, וואָס זיצטו דאָרט, אַלטער?

זיידע:

מיר איז קאַלט, איך בין אַלט.

שנייער:

און דו, קליינער ווערוריק, וואָס שטייסטו אָנגעבלאָזן?

אייניקל:

איך וויל שפּילן אין האָזן.
(עס הערט זיך דאָס וואָיען פון ווינטן)

איך וויל זיך גליטשן.
(טוט אָן די גליטשערס).

שנייער:

זעסטו, קליינער, ווי גוט דאָ איז מיט אונדז. היי, שנייעלעך מײַנע! איך וועל אײַך זינגען, און איר וועט צו־טאַנצן.
(שנייער זינגט נ׳23)



נומ׳ 23.

איך בין דער פּעטער שנייער,
איך גיב אײַך ווײַסן פּוך,
איך האָב באַדעקט די פעלדער
מיט אַ ווײַסן טוך.

איך בין דער פּעטער שנייער,
וואָס ברענג אײַך ווײַסע בליטן;
און רוף אײַך, אַלע קינדער,
צו פאָרן אויף אַ שליטן.

טײַכלעך, וועלדער, פעלדער —
מיט זילבער אַלץ באַצויגן;
און די זומערפייגל —
ווײַט, ווײַט, אַוועקגעפלויגן.

(יעדע 4 שורות זינגט דער שנייער דאָס ערשטע מאָל און די שנייעלעך — כאָר — דאָס צווייטע מאָל. בשעתן זינגען טאַנצן זיי לײַכט, שוועבנדיק ווי שנייעלעך).

שנייער:
נו, קליינער ווערעריק, ווי געפעלט דיר דאָס שפּיל?

אייניקל:
ס׳איז נישט מיאוס, אָבער איך וויל דעם פרילינג און דעם זומער.

שנייער:
דו פאַרגעס אָן פרילינג, פאַרגעס אָן זומער! הערסט, ווי מײַנע ווינטן בלאָזן?
(צו די שנייעלעך).
חבֿרה! לאָמיר זינגען אונדזער ליד.
(זינגען די לעצטע סטאַנצע פון „הוליעט, הוליעט" און צו דער זעלבער מוזיק פירן זיי דורך אַ זאַווערוכע מיט פײַפן, וואָיען און ברומען. עס דאַרף זיך באַקומען אַ פּרעכטיק בילד פון אַ זאַווערוכע).

שנייער:
דו הערסט, קליינער? דאָס איז אונדזער ליד.

אייניקל:
באַלד וועלן די קינדער קומען. זיי וועלן ליכט און וואַרעמקײַט ברענגען און אונדזערע לידער זינגען.

שטימע:
דער שטענדיקער קאַמף צווישן יונג און אַלט, טאָג און נאַכט, ליכט און פינצטער!

שנייער: (לאַכט לאַנג).
ווער זײַנען זיי עס, די קינדער?

אייניקל:
מײַנע חבֿרים. געזונט און שטאַרק זײַנען זיי. מיר וועלן אײַך פאַרטרײַבן. פרילינג וועט זײַן!
(עס הערט זיך פון ווײַט, ווײַט דאָס פרילינג ליד „דער פרילינג איז געקומען").

שטימע:
און ווי אַלע מאָל געווינט די יוגנט, ליכט, טאָג!
(דאָס געזאַנג דערנענטערט זיך און ווערט שטאַרקער).

אייניקל:
דו הערסט, אָט קומען זיי.
(וואַרפט אַראָפּ די גליטשערס, לויפט אַרויס און שרײַט)

היי, חבֿרים, גיכער קומט! דעם פרילינג ברענגט, דעם זומער ברענגט אַהער!

ערשט שנייעלע:
לאָמיר אַוועק פון דאַנען.

צווייט שנייעלע:
לאָמיר אַנטלויפן.

דריט שנייעלע:
איר הערט, דער פרילינג קומט, ער וועט אונדז פאַרצערן.

שטימע:
און ווי אַלע מאָל געווינט דער פרילינג!

שנייער:
שנייעלעך מײַנע, שרעקט אײַך ניט און לויפט ניט אַוועק. איך האָב דעם פרילינג פאַרטריבן און די זון פאַר־שפּאַרט.

שטימע:
קיינער קען די זון ניט פאַרשפּאַרן.

ווען ס'קומט די צײַט, לײַכט זי און שײַנט.

שנייער:

נישט אֶמֶת. אַט איז די ערד מיט מײַן פראָסט פאַרצויגן. קיין זאַנ' קען נישט בליען, קיין זאַך קען נישט וואַקסן. ווײַל אַזוי וויל איך, דער אַלטער פעטער שנייער. (ווינטן וואָיען שטאַרק).

איר הערט, ווי מײַנע ווינטן בלאָזן? מיר האָבן אַלע שיינע פייגל פאַרטריבן און בלויז די שוואַרצע קראָען זײַנען פאַרבליבן. היי, שנייעלעך, זינגט עפּעס א פריילעכס!

(זיי זינגען: „פאַלן, פאַלן שנייעלעך")

שטימע:

דאָס איז אײַער לעצט ליד. די זון איז שוין אויפגעגאַנגען אין מיזרח און דערנענטערט זיך צו אונדז.

(עס ווערט ליכטיקער).

אייניקל: (פון דרויסן).

אַט זײַנען זיי, אַט קומען זיי!

שנייעלעך: (אין שרעק).

איר הערט, זיי קומען.

שנייער:

שרעקט אײַך ניט, קליינע, האָט ניט קיין מוֹרא. ווער ס'איז שוואַכער, יענער וועט מוזן אַוועק! (צום אַלטן) און דו ביסט דאָך אַלט. ביסטו מיט אונדז?

זיידע:

יאָ. מיר איז קאַלט.

אייניקל: (פון דרויסן).

זיידע! זיידע! דער פרילינג קומט, די זון קומט!

שנייער:

עס קען ניט זײַן. דאָרט ווו איך בין, קען קיין פרילינג ניט זײַן. דאָרט ווו איך טרעט, איז קיין זון ניטאָ. ס'איז א ליגן!

זיידע:

ניין, ער איז ניט קיין ליגנער. ער וועט קומען און ברענגען דעם פרילינג, די זון. וועט מיר אויך אֶפשר וואַרעם ווערן.

אייניקל: (לויפט אַרײַן מיט אַ זון-שטראַל)

זיי קומען, זיי קומען! זיי ברענגען זון און פרילינג! ליכטיק וועט זײַן. וואַרעם וועט זײַן. לעש אויס דײַן פײַער, זיידע!

(שנייער לאָזט זיך צום יינגל מיט כעס. דאָס יינגל פאַרשטעלט זיך מיטן שטראַל. שנייער נעמט זיך קאָרטשען און ווערט קלענער. עס הערט זיך דאָס פרילינג-ליד).

הערסט זיי זינגען? אָט קומען זיי און וועלן דעם ווינטער פאַרטרײַבן.

שנייער:

דאָס וועלן מיר זען...

אייניקל:

וועלן מיר טאַקע זען.

(דאָס געזאַנג ווערט נענטער. עס פליִצן אַרײַן קינדער מיט אַ פריידיק געזאַנג פון פרילינג-ליד. עס ווערט ליכטיקער און ליכטיקער. די שנייעלעך קאָרטשען זיך און צערינען אין די זײַטן. דער שנייער שמעלצט און זינקט אײַן... זון באַווײַזט זיך אין פולן ליכט און זינגט נומ' 24)



נומ' 24.

איך בין די זון, איך מאַך אײַך שיין,
איך וואַרעם מיט די שטראַלן;

איך מאַך אײַך גרין, איך מאַך אײַך פֿײַן,
איך לאָז קיין שניי ניט פֿאַלן!

איך שנײַד דאָס אײַז, איך שמעלץ דעם שניי.
דער ווינטער גייט און גייט פֿאַרבײַ.

איך ברענג אײַך ליכט, איך גיב אײַך טוי,
איך ברענג דעם ליבן מאַי.

אַלע:
זאָל לעבן די זון! זאָל לעבן די זון!
מיר ווילן פֿרילינג פֿילן!

פֿרילינג: (דעקלאַמירט)

אָט בין איך, פֿרילינג, געקומען
און געבראַכט אײַך זונענשײַן.
כ'האָב אויסגעפּוצט די ערד
מיט בלומען.
שמעקן זיי ווי זיסער ווײַן.

און איר, קינדערלעך פֿאַרשפּאַרטע,
וואָס זיצט איר אומעטיק נאָך דאָ?
קומט אין פֿעלד. די בלומען וואַרטן.
קיין פֿראָסט, קיין ווינטער מער נישטאָ.

אַלע:
זאָל לעבן דער פֿרילינג! זאָל לעבן
די זון! לאָמיר ט. נצן לכּבֿוד זיי!

(דאָ קומט אַ באַלעט-טאַנץ צו דער מוזיק פֿון בעטהאָווענס „Ecossaises“ נאָכן טאַנץ פֿאָרמירן אַלע קינדער אַ געשלאָסענע וואַנט אין פֿראָנט פֿון דער בינע און זינגען מיטן איינציקן ניגון, וואָס פּאַסט אַהער).

שטייט אויף. דער פֿרילינג איז געקומען
מיט פּראַכט, מיט גלאַנץ און זונענשײַן.
ער גייט און שפּרייט זײַן וועג
מיט בלומען,
ווי גוט עס וועט אונדז איצטער זײַן.

די וועלט וועט ווערן יינגער, נײַער.
צעשטערט וועט ווערן ווינטער-קעלט.
מיר וועלן אַלע ווערן פֿרײַער —
אין פֿרילינגס פּרעכטיק-שיינער וועלט.

לאָמיר אַלע באַגריסן
יום טובֿ פֿרילינג מיט געזאַנג;
זאָלן שאַלן אונדזערע לידער
לכּבֿוד פֿרילינג-גאַנג.

(פֿ אָ ר ה אַ נ ג).

די פֿאַרשטערטע חתונה.

פּ ע ר ז אָ נ ע ן:

אַ שדכן — אַ בדחן.
בערל=מורל — דער חתן.

לייב, וואָלף, | הערפֿאַנד, | פֿוקס, האָז. — אונטערפֿירער

ציגן, האָזן, | וועלף, הינער. — מחותנים

די קאַץ, דער הונט, | די שאָף, די ציג. — קלעזמער

די פֿליג, די מילב, | דער מוק, די בין, | די גאָטס בהמהלע, | דער זשוק. — שנעקן-צעשטערער

ווייבער,
וויוועד=שפּילער

די שפּיל קומט פֿאָר אין וואַלד=פּאַלאַץ.



נומ׳ 25.

דער שַדכן:

(קומט אַרײַן)

איך בין אַ שַדכן פון גאָר דער װעלט,
איך האָב אַהער זיך צוגעשטעלט.
װעט איר װעלן, צי נישט װעלן —
מע מוז דעם בער אַ חופּה שטעלן.

(פון יענער זײַט װאַנט קלאַפּט זיך, טאַראַ-
ראַמט זיך. ציגן מעקען, הינער קװאָקען).

דער שַדכן:

(הערט זיך צו, רעדט פּאַמעלעכן)

זיגן זעגן,
האַקן העק,
ציגן פּאַקן װאָל אין זעק,
הינער נייען בעטגעװאַנט —
בערלען = מורלען
דרָשה = געשאַנק.
— לייבל, װעלפל, העלפאַנד=נאָז,
איר װעט גיין פאַר חָתנס צַד!

(ס׳גייען אַרײַן דער לייב, דער װאָלף און
דער העלפאַנד, שטעלן זיך אין איין זייט,
װוּ דער שדכן װײַזט זיי).

פּיקסל=מיקסל,
פּאַװקע=האָז,
גייט, זײַט מוחל, כַּלֶהס צַד...

(גייען אַרײַן פוקס און האָז, שטעלן זיך אין
צװייטער זײַט).

— שטעלט זיך אַלע אין אַ ראָד,
טרײַבט דעם חָתנדל אין באָד.

(דער חתן – דער בער קומט אַרײַן, מע באַ-
זעצט אים אינמיטן פּאַלאַץ אויף אַ שטול, די
װײַבער גייען צַרײַן, װישן מיט די טיכלעך
די אויגן).

די װײַבער:

(צום בער)

װיין נישט, װיין נישט, חָתן=לעב,
דײַן מַזל שײַנט אויף גאָר דער װעלט.



נומ׳ 26.



נומ׳ 27



נומ׳ 28 (טעקסט — זייט 44)



נומ׳ 29 (טעקסט – זייט 44)



נומ׳ 30 (טעקסט — זייט 44)

חתנס צד, מיט גוטן ווילן
קומט דעם חתן מזל שפילן.
(ס'קומען אַרײַן די ציגעלעך מיטן ערשטן וויוועד).

די ציגעלעך:
(צום בער)

— מיר זײַנען ציגעלעך אַט אַזוי,
זומער גראָז און ווינטער היי. —
היי פון די לעכער,
שטרוי פון די דעכער,
מילך פון די אײַטער,
הלוואַי אויף ווײַטער.
— ציגעניו, מיגעניו, קאָזי=מע —
מזל=טוב דיר, חתן בער.
(די ציגעלעך טאַנצן אָפּ אַ טאַנץ, דרייען זיך אויס. די האָזן קומען אַרײַן מיטן צווייטן וויוועד).

די האָזן:
(צום בער)

מיר זײַנען זיך העזעלעך אַט—און גאָר.
אין וואַלד אַ שמעק, אין פעלד אַ שנאָרך
אויערן ווי די מויערן,
פיס ווי די ניס,
צום בער אויף דער חתונה
געקומען צו=פוס.
וועקנדיק און שרעקנדיק
און וואַך ווי געהער — — —
מזל=טוב דיר, חתן בער!
(די העזעלעך טאַנצן אָפּ אַ טאַנץ, דרייען זיך אויס. ס'קומט אַרײַן דער וואָלף).

דער וואָלף:
(צום בער)

וועלף זײַנען מיר הײַנט
און וועלף זײַנען מיר מאָרגן,
אונדזער קייסער דער עלטסטער
האָט מיט אַ ביין זיך דערוואָרגן. —
געשטאָרבן = באַגראָבן,
געוויינט און באַוויינט, —
איצט בין איך געלאָפן,
קיין נעכט ניט געשלאָפן,
צום בער אויף דער שמחה
מיט צרות געטראָפן.—
הונגעריק, מיד
און גאָר אָן געווער,—
מזל=טוב דעם חתן = בער!
(דער וואָלף דרייט זיך אויס אין אַ זײַט. מיט אַ געפּילדער קומט אָן דער האָן און טראָגט כּיבוד).

דער האָן:
(דרייענדיק זיך)

קוקו=ריקו=ריקו=אויך!
קוים געבראַכט אַ טאָץ מיט יויך,
קוים געבראַכט אַ טעלער מאָן,
אַליין איך בין פון דאָרף דער האָן!
אין דאָרף בײַ אונדז הענער,
דאַר ווי די שפּענער;
אין דאָרף בײַ אונדז הינער,
געלע און גרינע;
די הענער פון די פּלויטן,
די הינער פון די בייטן,
אַלע זיי גייען
אהער מיך באַגלייטן.
קאָ=קאָ, קאָ=קאָ! זיי קומען אהער —
מזל=טוב דיר, חתן = בער!
(דער האָן טאַנצט אָפּ זײַן טאַנץ, שנעקן שפּאַרן זיך אָן אין טיר)

דער שדכן:
(צו די מחותנים)

גרייט צו די טישן
מיט פליישן, מיט פישן,
עסן וועלן מיר האָניק,
טרינקען וועלן מיר ווײַן
ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן.



נומ׳ 31.



נומ׳ 32.



נומ׳ 33.

— קומט, קלעזמאָרים־טאַראַראַם,
שפּילט דעם חתן אָפּ אַ גראַם.

(ס'קומען אַרײַן די קאַץ מיטן פידל, דער הונט מיטן פּײַפל, די שאָף מיטן פּײַקל, די ציג מיטן פּויק)

דער שדכן:

(צו די שנעקן)

אַוועק גייט, שנעקן, פון די טירן!
מע דאַרף דעם בער צו דער חופּה פירן.

די שנעקן:

(שפּאַרן זיך אָן אײנמיטן פּאַלאַץ)

ערשטער שנעק:

איך גיי ניט אַוועק,
איך בין אַ קלײנער דוימעלע!

צווייטער שנעק:

איך גיי ניט אַוועק,
איך בין אַ גאָטס בהמהלע.

דריטער:

און איך — די מילב פון לאַנד.

פערטער:

און איך — די פליג פון וואַנט.

פינפטער:

און איך — אַ זשוקל.

זעקסטער:

און איך — אַ מוקל.

אַלע:

געקומען זײַנען מיר אַהער
אַראָפּצוואַרפן פון שטול דעם בער.

(די מחותּנים סודען זיך איבער, דערשרעקן זיך)

דער עלטסטער פון די שנעקן:

(רופט אויס)

עי, גבורים — גאַלאַגאַנען,
נישט גערוט און נישט געשטאַנען,
איקן, מיקן, דריקן האָפּ!
און דעם בער איבערן קאָפּ!
די מחותּנים איבערן פּנים!
און די שטול איבערן דיל!

(די שנעקן נעמען זיך צו דער אַרבעט. דער חתן, די מחותּנים צעלויפן זיך, קערן זיך איבער, פאַלן, שטייען אויף און לויפן ווײַטער. ס'ווערט אַ געפּילדער, אַ רעש, די שנעקן לויפן נאָך מיט שטעקנס, מיט בעזעמער און מיט לאָפּעטעס.)

דער שדכן:

(בלײַבט אײנער אַליין)

— אוי־אוי־אוי, אוי־אוי־אוי,
ס'אַרא שנעקן, ס'אַרא שנעקן,
אויף אַ בער מע הייבט אַ שטעקן.

(צענעמט די חענט)

ווײ, בײַ וואָס בין איך געבליבן —
די גאַנצע חתונקע צעטריבן.

(די שנעקן קערן זיך אום, דער שדכן באַהאַלט זיך אין אַ ווינקל אונטערן טיר)

די שנעקן:

אַזוי וועלן מיר הײַנט,
אַזוי וועלן מיר שטענדיק.
די בערן וועלן מיר שטערן,
די לייבן וועלן מיר רויבן,
די וועלף אַפילו צוועלף,
מיר האָבן נישט קיין מורא,
נאָר דעם האָניק אָן עבֿירה —
האַם־האַם,
האַם־האַם.

(זיי כאַפּן עסן, טאַנצן אום אויפן טיש און פון טיש. ערשטער שנעקל גייט אַוועק טאַנצן)

ערשטער שנעקל:

מיר אַן עפּל,
דיר אַ קעפּל,
אים אַ פלוים,

מיר אַ באַר.
איך אַ שנעקל
אָן אַן עקל,
איך אַ יאַטל
נישט קיין נאַר.

(צווייטער שנעקל גייט אַוועק אַנטקעגן טאַנצן)

צווייטער:

אָקן=באָקן
קלינגען גלאָקן,
קריכן מילבן
אויף די שטאָקן.
איינסעלע, צווייעלע,
פינפעלע, דרײַ,
האָניק און בראָנפן,
קײַ און שפּײַ,
פּו, פּו,
פּו, פּו!

אַלע שנעקן:

(קרימען זיך נאָך)

פּו, פּו,
פּו, פּו!

(די שנעקן צעלויפן זיך מיט זייערע שטעקנס, בעזעמער און לאָפּעטעס. דער שדכן רוקט זיך אַרויס פון ווינקל)

דער שדכן:

(מיט אַ וויינענדיקן קול)

זיגן זעגן,
האַקן העק.
— — — —
פריכן ציגן,
ניסן בעק.

(ער ווישט מיט דער קאַפּאָטע די אויגן און וויינט)

אויף די וועגן
גיסט אַ רעגן.
— — — —
אויף די בריקן
גייט אַ שניי.
— — — —
אוי=אוי=אוי=אוי!
— — — —
זינט בײַ בערן חתונות,
נאָך קיינמאָל ניט
געווען אַזוי.

פאָרהאַנג

„גרינינקע ביימעלעך“!

אבאָנירט אַלע און פאַרשפּרייט

דעם אילוסטרירטן

צוויי-וועכנטלעכן

קינדער-זשורנאַל

„גרינינקע ביימעלעך“!

דערשיינט אין ווילנע

אונטער דער רעדאַקציע

פון ש. באַסטאָמסקי.

אדרעס:

Wilno, Stefańska 24, m. 28

אַבאָנעמענטס-פּרייז:

אַ יאָר (20 נומערן) 7 גילדן (1. דאָל.)

אַ 1/2 „ (10 „) 4 „ (60 סענט)

1/4 „ (5 „) 2 „ (30 „)

אַבאָנירט אַלע דעם אילוסטרירטן חודש-זשורנאַל

„דער חבֿר“

דערשיינט אין ווילנע אונטער דער רעדאַקציע פון ש. באַסטאָמסקי

אַבאָנ.-פּרייז: אַ יאָר – 4 גילדן (60 סענט) אַ 1/2 יאָר – 2 גילדן

אַדרעס: Wilno, Stefańska 24 m. 28.

P. K. O. 81.899

Four Operettes

for Children

Musik of MICHEL GELBART

W i l n o o o o o o o o 1 9 3 3